STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06039

DI FARMASKIRTE LIEBE

Honore de Balzac

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון קלאסיקער און מאדערנע נומער 1

האנארע דע באלזאק

די פארמאסקירטע ליעבע

ראמאן.

ליטערארישער פערלאג, נויארק.

1919

אינהאַלט:

זייט
די פאַרמאַסקירטע ליעבע — — — — — — — — — — 7
לאַ גראַנד ברעטעש — — — — — — — — — — — — 89
קאָרסיקאַנער — — — — — — — — — — — — — — 127

די פאַרמאַסקירטע ליעבע.

I.

עס האט שוין געשלאגען האלבע נאכט, גאנץ פאריז איז געווען אין בעווענונג. איבעראל האט געקאכט, איבעראל האט געשטראמט מיט מענשען, דאס איז געווען די לעצטע נאכט פון דער קארנעוואלוואך.

לעאן דע־פרעוואל, א יונגער אפיציר א קאוואליעריסט, האט זיך ניט לאנג צוריק באוויזען אויפ'ן באל אין דער אפערא. שוין איבער א שעה ווי ער דרעהט זיך אזוי ארום אין דעם ים פון מענשען. קיינעם קען ער ניט, קיינעם ווייסט ער ניט; ער פערשטעהט ניט די וואולגארע פראזען מיט וועלכע עס ווענדען זיך צו איהם מאנכע פון די פרויען. דער שטויב שטיקט איהם, די היץ איז גרויס, קולות טראגען זיך פון אלע זייטען. ער קוקט ווי א צוטומעלטער פון אט די אלע אין שווארצען אנגעטאהענע גייסטער און קאן ניט פערשטעהען פון וואס מענשען שעפען דא פערגעניגען. ער האט שוין גענומען זיך שפארען צום ארויסגאנג, כדי אוועקצוגעהן. אין דעמזעלבען אויגענבליק האבען צוויי פארמאסקירטע פרויען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט דער פיינקייט פון זייערע מאנירען און דער עלעגאנץ פון זייערע קאסטיומען, זיך אויך אראפגעלאזען פון די טרעפ וואס האבען געפיהרט צום גאס. א שעהנער העראהן א מאסקע האט זיי געפירט אונטער די ארימס. דער עולם האט זיי בעגלייט מיט שטי־

לע, פריינדליכע באמערקונגען און א מתנה יונגווארג האט זיך א לאז געטאן נאך זיי און זיי נאכגעגאנגען, באשיטענדיג זיי מיט קאמפלימענטען. לעאן האט זיך געלאזט געהען נאך די אנ־דערע. עס האט זיך גיך צוזאמענגעקליבען א גרויסע מחנה נייי־געריקע, וואס האט זיך פערגרעסערט מיט יעדען טריט. באלד נאך דעם האבען עטליכע אנדערע אריגינעלע מאסקען, וועלכע זיינען געגאנגען אנטקעגען, אויך מיט א מחנה בעגלייטער, ארויס־גערופען אזא צומישעניש, אז איינע פון די דאמען, וועלכע האט אויסגעזעהען אינגער פון די איבריגע, האט זיך פלוצלונג גע־פונען אפגעריסען פון איהרע פריינדינען און איז אפגעשניטען גע־ווארען פון דער געזעלשאפט, מיט וועלכער זי איז געגאנגען. מיט אומרוהיגקייט האט זי געזוכט שוין ביי וועמען ניט איז פון די וואס האבען איהר ארומגערינגעלט. זי האט באמערקט לעאנען וועלכער האט אויף איהר געקוקט מיט אזוי פיעל אינטערעס און האט איהם אנגעכאפט פאר'ן האנט.

— אך, איך בעט דיך — האט זי צו איהם געזאגט מיט אן אויפגערעגטען קול — העלף מיר זיך ארויסצוקלייבען פון דאנען און אויפזוכען מיינע פריינד.

„איך בין גרייט דיר צו דינען, פרעכטיגע מאסקע, האב קיין מורא ניט. געה מיר נאך און באעהר מיך מיט דיין צו־טרויען.“

מיט איין האנט האט ער איהר געהאלטען אונטערן ארים און מיט דער צווייטער האט ער זיך דורכגעשלאגען א וועג, ביז איהם האט זיך איינגעגעבען איהר אריינצופיהרען אין א זייטי־גען זאל. ער האט איהר אוועקגעזעצט אויף א ביינקעל און גע־וואלט געהן ברייגגען איהר עפעס א דערפרישונג.

„ניין ! — בלייב דא“ — האט זי געזאגט — „איך פיהל מיך גוט. ס'איז איינפאך א שאנדע, וואס איך האב זיך אזוי

איבערגעשראָקען איבער א נעכטיגען טאָג".

„און מיר פרעהט עס, ווייל א דאנק איהם האסטו מיך אויס־געקליבען פאר דיין פארטהיידיגער".

„— איך בין זיך מודה אז דו האסט באמת מיר געטאָן א גרויסע טובה. און איך בין דיר זעהר דאנקבאר דאפיר, איך וויל דיר זאגאר בעטען נאך א טובה, העלף מיר אויפזוכען מיינע בע־קאנטע".

— „ווי ? דו ווילסט מיך שוין איבערלאָזען ? דו האסט מיך כאטש געדארפט בעלויגען און מיר שענקען עטליכע מינוט".

„נו גוט, אויב בעלוינען, דאן בין איך צופרידען, טו זאלען מיר אביסעל פלוידערן". — האט זי פרעהליך געענטפערט.

זיי האבען זיך ביידע אנידערגעזעצט און צווישען זיי האט זיך פערבונדען א געשפרעך, אין וועלכען עס האבען זיך דורכ־געוואָרפען שטעך־ווערטלאך און קאמפלימענטען און וואס האט געדויערט א גוטע ווײַלע.

ענדליך האט די פריינדליכע מאסקע ווידער אנגעהויבען פון דעם אז זי וואלט וועלען אויפזוכען איהרע פריינד.

„ווער זיינען עס די פריינד ? — האט לעאָן א פרעג גע־טאָן, — „א מוטער, א שוועסטער, צו אפשר גאר א מאן" ?

„א מאן ? ניין, גאט צו דאנקען" !

„דו ביזט ניט פערהייראט ?"

— „יא, איך בין שוין מעהר ניט פערהייראט".

ווי ! דו ביזט שוין אן אלמנה ? אך ! ווי עס טוט מיר לייד פאר דיר.

— און ווער האט עס דיר געזאגט אז מען דארף מיך בע־דויערען ? צו דען זיינען דאס אלע מענער אזוי גוט און אזוי צערטליך ? און קאן מען אפילו איינעם געפינען וואס זאל ווערט זיין מען זאל נאך איהם טרויען ?

„אהא א גאנצע תוכחה! גליקליך, טויזענד מאל גליקליך וועט זיין דער וועמען עס וועט זיך איינגעבען אויפצואוועקען אין דיין הארצען מעהר צוטרוי און מעהר גערעכטע געפיהלען"

א מאן !? גאט זאל אויסהיטען !

ווי? דו ווילסט באמת אריינברייננגען אין פארצווייפלונג די מחנה פון דיינע פארעהרער, וועלכע דו האסט געווים...

— „איך האב גאר אזוינע ניט, איך בין דא א פרעמדע און איך קען דא קיינעם ניט".

„קיינעם ניט ? אך, שעהנע מאסקע, איך פערשרייב זיך אלס דער ערשטער, און וועל שטענדיג זיין דער ערשטער און איבערגעבענסטער און געטרייסטער."

— „געטריי ! גאט מיינער ! אויב דו וועסט ווייטער אזוי ריידען אין זעלבען טאן, וועל איך אוועק פון דיר".

"ווי ? געטריישאפט..."

„געטריישאפט — דאס איז א קייט וואס דער מענש ציהט ארויף אויף זיך בלויז לפנים וועגען, וועלענדיג אין דער אמת'ן עס ארויפציהען אויף'ן צווייטען. איך בין פריי, אין גאנצען פריי און פריי וועל איך בלייבען אויף שטענדיג, און עס איז ניטא קיין מענש וואס זאל קאנען מיך מאכען עובר זיין אויף מיין שבועה".

"און איך בין שוין ניט פריי; איך פיהל עס; און מיר פערדריסט עס גאר אפילו ניט: די קייט וועל איך אליין טראגען, און דו וועסט מיר ניט קאנען שטערען צו ליבען און צו האפען...

„א. ניין, ניין, איך וויל ניט, אז מען זאל מיך ליבען: איך וויל ניט אז מען זאל מיט מיר גאר ריידען דערפון און איבערהויפט וויל איך ניט אז מען זאל האפען".

„אבער, גרויזאמע מאסקע, ניט דערגרייכבארע מאסקע, וואסזשע ווילט איהר? אויף וואס פאר אן אופן קאן מען ביי אייך אויסבעטען א געפיהל פון רחמנות" ?

„מען דארף ניט זיין משוגע און ניט פאלש. מען דארף ניט פארגרעסערען די פארביילויפענדע געפיהלען; מען דארף ניט זיין זיכער אז מיט דער הילף פון עטליכע ראמאנטישע פראזען און מיט געמאכטע צערטליכקייט קאן מען איבעראנדערשען די פלענער פון א קלוגער פרוי; מען דארף זיין אונטערטעניג, בע־שיידען און געדולדיג, זאלען מיינע געדאנקען ווערען קלארער, זאל מיין ווילען ווערען שטארקער, דעמאלט קאן זיין“...

„וואס קאן זיין דעמאלט? פרעכטיגע מאסקע ענדיג, טראג ארויס מיין אורטייל... איך גיב זיך אונטער, איך זאג צו אלעס: שווייגען, זיין אונטערטעניג, געדולדיג...

ביי די ווערטער האט לעאן אויפגעהויבען זיינע אויגען, פול פון האפנונג און ליבע, צו דער אומערטרעגליכער מאס־קע פון אונטער וועלכער עס האבען ארויסגעקוקט אויף איהם שווארצע, גרויסע בלישצענדע אויגען; עס האט אויסגעזעהען ווי זיי וואלטען געקוקט אויף איהם רוהיג, פארקלערט און פארשענדיג

ניט שענקענדיג קיין אויפמערקזאמקייט צו דעם לײדענ־שאפטליכען טאן, מיט וועלכען ער האט זיינע לעצטע ווערטער ארויסגעזאגט, האט זי איהם מיט א פארזארגטער מינע גע־פרעגט:

אט דער באנד ביי דיר, איז א סימן פון אויסצייכענונג? דאס הייסט אלזא אז דו דינסט וואו עס איז?

לעאן איז געווארען צומישט פון איהר רוהיגקייט. און ער האט איהר בלויז געקאנט ענטפערען מיט א שאקעל מיט׳ן קאפ.

— „אין וועלכען פאלק?“

„איך בין א קאפיטאן אין זעקסטען קאווליעריסטען פאלק“. האט לעאן געענטפערט מיט א לייכטען פארדרוס.

— „און איצט ביזטו אויף אורלויב ? וואוינט דיין פא־
מיליע אויך דא ?"

„ניין, מיין פאמיליע איז אן ארענטליכע, א געאכטעטע,
אבער ניט קיין רייכע, זי וואוינט אין ווייטער פראווינץ, און ווי
דו, ליבע מאסקע בין איך אויך דא ניט לאנג אין דער שטאדט.
איך קען דא אויך קיינעם ניט, און מיך, א פרייען, ווי דו ביזט.
וואס האט דא קיינע פארבינדונגען ניט, וואס איז צו קיינעם
ניט צוגעבונדען, האט דער שיקזאל געבראכט אהער, כדי איך
זאל דא פארלירען מיין הארץ, מיין פרייהייט, מיין רוה"...

— „און כדי דא צו געפינען אזא גרויזאמע, אזא ניט דאנק־
בארע, ניט אמת ?... געוועהנליכע, הויכקלינגענדע ווערטער, איך
זעהסטו, בין שוין מעהר געדעכט צום צופאל. אמאל קומט ער
גאנץ גוט צו ניץ: איך הויב אן צו גלויבען אז אט דעם צופאל
וואס האט געבראכט אונזער בעקאנטשאפט וועל איך האבען
צו פארדאנקען די בעסטע מתנה וואס איך האב נאך קיין מאל
אין מיין לעבען ניט געהאט".

„פרעכטיגע אונבעקאנטע! ערלויב מיר צו פאלען צו דייי־
נע פים און צו שווערען אז דער דאנקבארער און אונטערטעניגער
לעאן דע־פרעוואל וועט טאן אלעס כדי ווערט צו זיין אזא לי־
בע־ערקלערונג".

„ליבע־ערקלערונג !? איך האב געמאכט אן ערקלערונג אין
ליבע... אבער ווי פארנארט אט די מענער זענען דאס !

„פאר וואס טאר מען כאטש אויף א ווייל זיך ניט אפנארען
און האפען אז עס איז מעגליך דאס צו וואס דו שטרעבסט אזוי
שטארק ? צו קאן אויך איך פון מיין זייט זיך ניט דערוויסען
וואס ניט איז וועגען יענע צויבערליכע באשעפעניש וועמען עס
געפעלט אזוי זיך צו רייצען מיט מיר ? צו מעג איך אויפהויבען
די שטרענגע מאסקע וואס פערדעקט דעם פנים ?... וואס איז,

ווארשיינליך גאנץ שעהן?"

— „אך ווען איך וואלט נאר געקאנט באַטש אויף איין אויגענבליק, א קוק טאן אויף איהם, לייענען אין איהם..."

— „קאנסטו דען ניט לייענען אין מיינע אויגען?"

— „זיי זיינען באַצויבערנדיג. דאך ווען צו זיי וואלט נאך צוגעקומען א ליבער שמייכעל"...

זי האט זיך אויפגעהויבען און געזאגט מיט א מעהר ערנסטען און קאלטען טאָן:

— „ניין, דו וועסט מיך קיינמאל ניט זעהן; דיר וועט זיך קיינמאל ניט איינגעבען אויסצוגעפינען ווער איך בין. דיר וועט אפילו ניט געלינגען זיך צו דערוויסען וואס ניט איז וועגען מיר".

לעאן איז געבליבען שטעהן א צומישטער.

„האט שוין ווער עס איז ווען געזעהען א מעהר ניט פאר־שטענדליכען קאפריז? עס וואלט געווען גוצלאז, אייך ווייטער צו דערעסען, איהר ווילט, ווי איך זעה, זיך אומקערען צו אייע־רע בעקאנטע; מען דארף זיי אויפזוכען."

ניט קוקענדיג אויף זיין כעת, האט זי איהם איבערגעריסען:

— „לעאן דע־פרעוואל, הייסטו דאך. ניט אמת?" — האט זי געזאגט אין א פארטראכטען טאָן — „א קאפיטאן פון זעקס־טען פאלק, א קאוועליעריסט? וועסטו נאך לאנג בלייבען אין פאריז?"

— „אך, צו איז דאס ניט אלץ איינס פאר אייך, וואס מאַר־טערט איהר מיך נאך? איהר ווילט דאך מיך מעהר ניט זעהן ווייל"...

— "פון וואנען נעמסטו אבער אז איך וויל דיך מעהר ניט זעהן? ווי ווייניג מען דארף עס צו פארטומלען דעם פאר־שטאנד ביי אט די חכמים! איך וויל אזוי שטארק זיך זעהן

מיט דיר נאך אמאל."

„אך, גאט מיינער! טייערע מיינע! וואס האט מיט אייך פאסירט?„ — האט זיך דערהערט הינטער זיי א פרויען־שטים — „שוין צוויי שעה ווי מיר זוכען אייך."

דאס איז געווען א פריינדין פון דער שעהנער מאסקע מיט א קאוואליר. צוגעהענדיג איינע צו די אנדערע, האבען זיי זיך אין עטליכע ווערטער דורכגערעדט וועגען די איינדריקע פון דעם אבענד.

— „איך בין שוין אין גאנצען אויסגעמאטערט פון מיד־קייט און אומעט; לאמיר אוועקגעהן, איך בעט אייך" — האט געזאגט די דאמע, וואס איז אקארשט צוגעגאנגען.

— „מיט'ן גרעסטען פערגעניגען: איך האב דא אויך דאכט זיך, שוין מעהר ניט וואס צו טאן."

„ווי? אזוי שנעל? — האט אויסגערופען לעאן — „איהר זועט דאך מיר וויינינגסטענס ערלויבען צו בעגלייטען אייך ביז דער קארעטע"?

זי האט אנגענומען זיין האנט, און זיי האבען זיך געלאזט געהן נאך דער צווייטער פאר.

„איך בעט אייך" — האט לעאן ווייטער גערעדט — „לא־מיר זיך אומקערען צו אונזער פריהערדיגען געשפרעך וועלכען מען האט אזוי אומאנגענעהם איבערגעריסען: מיר האבען גע־רעדט וועגען דעם אז מיר זאלען זיך ווידער זעהן: ווען? וואו? ווי אזוי? באטראכט נאר: אין א מינוט ארום פארליר איך אלעס, אויסער די ערינערונג. צו ווילט איהר ניט צולעגען דער־צו כאטש עפעס האפנונג?"

— „הייסט עס, אז איהר זייט גענייגט אויפצוגעבען אייער שרעקליכען כעס?"

— „הערט אויף צו לאכען — האט רחמנות... איהר בע־

פרייט זיך דאך באלד פון מיר... אויף וואס פאר אן אופן וועל איך קאנען?..."

"עס איז זעהר מעגליך, אז איך וועל קומען צופארען אויפ'ן באל פון דעם קומענדיגען „מי־קארעם" יום טוב."

„דריי וואכען! גאט מיינער, דאס זיינען דאך גאנצע דריי יאהרהונדערטען..."

— „אזוי איז עס! אדער אין דריי וואכען ארום, אדער קיינמאל ניט."

„פאר דער צייט וועל איך אפשר שטארבען פון אומגעדולד און בענקעניש."

„דאס וואלט געמאכט א גאנצען איבערקערעניש אין מיי־נע פלענער"!

„אין אייערע פלענער?"

זיי זענען שוין געווען אין דרויסען: עס איז צוגעפארען א קארעטע, אין דער פינסטער האט מען גאר ניט געקאנט זעהן. ניט די פארב פון דער קארעטע, ניט די הערבען, א נעגער האט אויפגעעפענט די טירעל.

„צו קאן איך ווייניגסטענס האפען"? האט ווידער לעאן אנגעהויבען — „אז איהר וועט רחמנות האבען אויף מיינע ליידען?"

— "איך גלויב אז איך וועל נאך דארפען ניט ווייניג זיך אפגעבען מיט דיר..."

מיט דיעזע ווערטער איז זי פלינק אריינגעשפרונגען אין קארעטע, און די פערד האבען זיך אוועקגעטראגען שנעל ווי א בליץ.

לעאן האט מיט די אויגען בעגלייט די קארעטע, וואס האט אוועקגעטראגען מיט זיך א האפנונג אויף א נייעם זיעג.

און ניט וועלענדיג געהן צוריק אויפ'ן באל, האט ער זיך צו־ריקגעקערט אהיים א צורודערטער, אן אויפגערעגטער, פול מיט ערינערונגען, וועגען דעם וואס עס האט מיט איהם געטראפען. איהם האט פערדראסען פאר וואס ער האט ניט געקאנט גע־פינען קיין מיטעל ווי אזוי איהר לענגער צו פערהאלטען.

„ווער איז זי אבער, אט די צוויבערהאפטע מאדנע פרוי?“

— האט ער געקלערט, — איהרע איידעלע, צוריקגעהאלטענע מאנירען, איהר שטאלצע, אריסטאקראטישע האנדלונג דער־לאזען ניט דעם געדאנק, אז עס זאל זיין מעגליך דאס זי איז א קורטיזאנקע. נאר וואס וויל זי? צוליב וואס האט זי אט אנגעצונדען אין מיר א האפנונג און האט זי אויסגעלא־שען? ביי איהר זיינען עפעס דא פלענער, זי אינטערעסירט זיך מיט קלייניגקייטען פון מיין לעבען, איהר בעגעגעניש מיט מיר קאן איהר גליקליך מאכען... און איך וועל איהר מעהר קיינמאל ניט זעהען, איך וועל זיך מיט איהר אפילו קיינמאל ניט קאנען בעקענען... עס קאן זיין, אז איהר האט זיך בלויז געוואלט א שפיל טאן מיט מיר... אך, ווען דאס וואלט אמת געווען, ווי וואלט איך זיך מיט איהר אפגערעכענט!... אבער מיט וועמען? ווי אזוי?... ס'איז מעגליך, אז זי וועט אויפ'ן באל אויך ניט קומען, און איך האב אויף אייביג איהר שפור אנגעוואָרען. א שאדען, זי איז דאך אזוי וואונדער שעהן, איך בין זיכער אין דעם... וויפיעל ליידענשאפטליכע צערטליכקייט ס'איז אין איהרשעהנער, בויגזאמער פיגור! וואס פאר א וואונ־דערבארע אויגען, וואס פאר א מוזיקאלישע שטים! ווי קלוג און ווי שעהן זי רעדט!... די דריי וואכען זיינען פאר מיר אן אייביגקייט... פאר דער צייט דארף מען איהר זוכען, מען דארף איהר געפינען... אך! ווי ווערט מען שנעלער אנטשלאפען!

II.

לעאן האט אבער ניט געקאנט איינשלאפען. ער האט זיך פריה אויפגעהויבען כדי באלד איהר אנצוהויבען זוכען. די גאנצע ערשטע וואך איז ער אהן אפרוה ארומגעגאנגען איבער די גאסען, פלעגט אריינגעהן אין מאגאזינען, אין בעקערייען, אין די טעאטערס, פלעגט נאכגעהן אלע פרויען, וואס פלעגען מיט זייער פיגור דערמאנען איהם אן זיין אונבעקאנטע, מאכענדיג דערביי טויזענדער טעות׳ען, וועלכע פלעגען זיך ענדיגען מיט זידלערייען, ביז ער האט ענדליך זיך איבערצייגט, אז זיין טרחה איז ארויסגעווארפען. שוין אויף דער צווייטער וואך אהן מוט, האט ער אויף דער דריטער וואך זיך אליין אנגעהויבען צו פרעגען: ביז ווי לאנג וועט ער דינען פאר א שפילצייג ביי אט דער קאקעטקע, וועלכע בעהאלט זיך פיליכט פון איהם, טאקע דערפאר זיך צו אמוזירען דערמיט וואס ער לויפט אום ווי א פער׳סמ׳טער איהר זוכענדיג? נאר איינמאל האט ער פלוצלונג געפונען א צעטעלע אויף זיין טיר, וואס האט ענטהאלטען פאלגענדע עטליכע ווערטער:

„ה׳ דע־פרעוואל האט זיכער ניט פארגעסען, אז מען וועט אויף איהםווארטען דאנערשטאג, איינס א זייגער ביי־נאכט אויפ׳ן באל פון זאל אפערא, לעבען זייגער“.

אלע זיינע האפנונגען האבען אפגעלעבט פון אט דעם צעטעלע. ווי נאר יענער זייגער האט געשלאגען האלבע נאכט אין דעם בעשטימטען טאג, איז שוין לעאן געזעסען דארט אונטער דעם זייגער, ארומגעכאפט פון ליידענשאפטליכען אונגעדולד או לעבעדיגער נייגעריגקייט.

אזוי איז פארביי א שעה וואס האט אויסגעזעהען ווי אן

אייביגקייט. ענדליך איז א וואונדערבארע מאסקע אין א ווייסען קלייד מיט א לייכטען גאנג פארבייגעגאנגען: זי האט צו איהם געמאכט א קוים בעמערקבארען צייכען, און פארקלענערענדיג די טריט, כדי אבצושטעהען פון איהרע בעגלייטער, האט זי זיך אנגעשפארט מיט איהרע שעהנע הענט אויף לעאנען, וועלכער איז צו איהר שנעל צוגעלאפען און איהר צארט די האנט א דריק געטאן. א בעגייסטערטער פון דער מעגליכקייט איהר צו זעהען פול מיט האפנונג און גליק האט ער איהם מיט התל־בות דערצעלט פון אלע זיינע ליידען, זיינע אומזיסטיגע ארומ־זוכונגען, זיינע געפארען, זיין אונגעדולדיגקייט. זי האט איהם רוהיג אויסגעהערט און באלד איבערגעשלאגען די רייד:

„הייסט עס, אז איך בין געווען גליקליכער פון דיר“. — האט זי געזאגט. — „דערפאר וייל מיר האט זיך יא איינגע־געבען אויסצוגעפינען אלץ, וואס איך האב נאר געוואלט ווי־סען וועגען דיר.„

„וועגען מיר? !“

— „יא. אלעס וואס דו האסט מיר דערצעהלט איז געווען אמת. אויסער דעם וויים איך איצט, אז דו האסט זיך דער־ווארבען די פריינדשאפט פון דיינע חברים און אז די העכערע בעאמטע האלטען זעהר פון דיר: ענדליך האב איך אויסגעפונען אז דו ביזט עהרליך און אז דו קאנסט זיין עהרליך אפילו גע־גען א פרוי און הייליג האלטען דיין ווארט וואס דו גיסט איהר“.

„איך וואלט עס געהאלטען פאר א פליכט, נאר לאמיר זיך אומקערען צו מיין גליק!... אלזא הייסט עס, אז דו האסט געטראכט פון מיר? דו אינטערעסירט זיך מיט מיר, אזוי אז דו ווילסט אפילו וויסען“...

— “יא! אזוי איז עס, עס איז נויטווענדיג פאר מיינע פלענער.“

„אך, די פּלענער, איך האָב אַז איך וועל זיי ווּיסען... ליעבע מאַסקע, ענדיג, זאָג אַוועק פון זיך יעדען צווייפעל און האָב צוטרויען צו אַ גליקליכען שטערבליכען, וועמעס האַרץ עס בעלאַנגט שוין אין גאַנצען צו דיר, און וואָס וואַרט נאָר אויף דיין וואָרט כדי זיך אַבצוגעבען דיר אין גאַנצען."

„דאָס וואָלט מיך זעהר שטאַרק פערדראָסען." — האָט זי לעבעדיג אַ זאָג געטאָן —

לעאָן האָט אַ ווייל'ע געשוויגען.

„אך! הער אויף דיין גרויזאַמען שפּיל". — האָט ער ענדליך געזאָגט, פאַר וואָס מאַטערסט דו מיך מיט דיינע איבערגאַנגען פון גוטס אויף שלעכטס? היינט איז דאָך דער לעצטער באַל, דענק ניט, אַז דו וועסט זיך היינט פון מיר אַרויסדרעהען. איך וועל דיר ניט אָפּלאָזען, איך וועל ניט רוהען. איך וועל דיך פערפאָלגען, ביז איך וועל ניט זיין זיכער אַז מיר וועט זיך ווייטער איינגעבען דיך צו זעהען און פאַר דיינע קניע אַרויסלייגען מיינע פערלאַנגען און אַריינדרינגען אין דיינע ליבע־פּלענער."

— „א, ניין, ניין, ניין, — צוערשט דאַרף איך זיך איבערציינגען אין דיין געהאַרכזאַמקייט, אין דיין קלוגשאַפט; איך וועל דיר פאַרלייגען בעדינגונגען, און דו וועסט מיר צוזאָגען זיי צו ערפילען — דו וועסט מיר דאַרפען געבען דיין עהרען־וואָרט און דיין אונטערשריפט."

„מיין עהרען־וואָרט! מיין אונטערשריפט!" — האָט לעאָן אויסגערופען — ער איז איבעראַשט געוואָרען פון יענער גוט באַטראַכטער פאַרזיכטיגקייט, פון יענעם פייערליכען טאָן מיט וועלכען מען לעגט איהם פאַר דאָ אויפ'ן באַל און אי'ן דער צפערא אַריינצוטרעטען אין אַן אָפּמאַך.

ער האָט אַ קוק געגעבען אויף זיין בעגלייטערין. פאַרטראַכט האָבען איהרע אויגען געקוקט, איהר האַרץ האָט זיך געהויבען.

ס'איז קענטיג געווען אז זי איז אויפגערעגט. איהם האט זיך אפילו אויסגעדוכט אז זי איז רויט געווארען אונטער איהר מאסקע.

זי, ווידער, האט געקוקט אויף איהם מיט א ניט זיכערען און פארזארגטען בליק. לעאן, זייענדיג זיכער, אז זיין איינגעשפארטקייט וועט איהר צווינ .ן זיך אפענער ארויסצוזאגען, האט ווידער אנגעהויבען ריידען מיט א ברען:

„וואונדערבארע, ניט דערגרייכבארע! נו, גוט, זאל זיין אזוי: איך שרייב אונטער אלץ. איך שווער דיר נאך אמאל, ווי אויף דעם ערשטען באל, אז איך וועל זיין געטריי אונטערטעניג און בעשיידען. איך נעהם פאראויס אן דיינע בעדינגונגען, אבי נאר, אבי נאר צו בעקומען די האפענונג דיך נאך אמאל צו זעהען און באזיצען...

—יא, דאס וועט זיין נויטיג — האט זי געענטפערט צוטראגען, ווי זי וואלט ענטפערן זיך אליין אויף איהרע אייגענע געדאנקען, איידער אויף דעם וואס ער האט צו איהר גערעדט

לעאן האט אבער קיין זאך ניט בעמערקט, און איהרע פאר ווערטער האבען איהם אנגעפילט מיט פרייד.

„אך, איך בין איבערגליקליך" — האט ער אויסגערופען

— "לאמיר גהען, פארגעטערטע אומבעקאנטע, זאל מיין גליק פארפילט ווערען מיט דעם, וואס איהר וועט איינשטימען מיט מיר צו גהען. לאמיר אוועקגעהן פון דאנען. ערלויבט מיר ענדלך ארונטערצורייסען אט די פארהאסטע מאסקע, דאפעלט וועט מיר גרינגער זיין איבערצוחזרן מיינע שבועות און עפענען מיין הארץ פאר אייך.

ריידענדיג אזוי האט ער פארזיכטיג איהר מיטגעפירט מיט זיך, זי האט זיך אבער פלוצלונג אבגעשטעלט, האט איהר האנט ארויסגעריסען און קומענדיג ווידער צו זיך, האט זי מיט א

שטאלץ, וואס האט אויסגעוויזען צו זיין ניט נאטירליך פאר איהר, געזאגט אין א רוהיגען און קאלטען טאן:

— „איהר האט א געוואלטיגען טעות, הער דע־פרעוואל — אייער ניט פאסיגע שמחה און אייערע נוצלאזע פארזיכערונגען באליידיגען מיך. איהר מעגט מיר גלויבען, איך בין גאר ניט אזא, ווי איהר וואגט וועגען מיר צו טראכטען. און איך האב א רעכט צו ערווארטען פון אייך מעהר פארזיכטיגקייט, מעהר ערנסטקייט און מעהר אכטונג. איבעריגענס בין איך געגרייט מוחל צו זיין אייך אייער טעות, וועלכער איז, מעגליך געקומען צוליב מיין זאנדערבארע האלטונג. איהר דארפט אבער פאלגען אלץ וואס איך פערלאנג פון אייך. מארגען וועט איהר הערען פון מיר און איך וועל אייך לאזען וויסען מיינע בעדינגונגען. ביז דאמאלט אבער — געדולד און אונטערטעניגקייט.

ביי די ווערטער, האט זי זיך אווארף געטאן צווישען פובליקום זוכענדיג זיך צו בעהאלטען פון איהם.

„א, ניין, איך וועל אייך ניט אפלאזען“ — האט ער אויסגערופען, — „איהר וועט מיך אזוי ניט פערלאזען, גרויזאמע, איהר האט מיין הארץ צעפלאקערט, מיין פאנטאזיע צערייצט און דאס אלץ, כדי מיך אוועקצוואורפען“...

— „בעגלייט מיך צו מיין קארעטע“ — האט זי געזאגט מיט א באפעלענדען טאן.

ער האט איהר אנגעכאפט פאר דער האנט וואס זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט, און האט איבער־א־נייעס מיט אלעכחות אנגעהויבען ביי איהר זיך צו בעטען. ער האט אבער פון איהר קיין ענטפער ניט געקראגען.

דער געטרייער נעגער איז געשטאנען ביים טירעל. די אומבעקאנטע האט זיך אויף גיך אריינגעזעצט אין קארעטע, זאגענדיג צו לעאנען:

— „ביז מארגען. פארלאז זיך אויף מיין צוזאג"!

„ערלויבט מיר, וויינינגסטענס אייך צו בעגלייטען — האט ער אויסגערופען זייענדיג גענייגט זיך ארויפצוכאפען אויף דער קארעטע.

— „מאכט צו די טירעל, רירט זיך", — האט זי באפוילען.

איהר פערלאנג איז באלד ערפילט געווארען, און לעאן האט נאך אמאל דערפיהלט ווי, צוזאמען מיט איהר, ווערען פערשוואונדען זיינע האפנונגען.

III.

עס איז פארשטענדליך, מיט וואס פאר אן אונגעדולד לעאן האט ערווארטעט דעם קומענדען טאג. וויפיל מאל איז ער אהיים געלאפען מיט דער האפנונג צו טרעפען דארט א בריעף, און ווי דערפרעהט ער איז געווארען, ווען ער האט ענדליך דעם בריעף געקראגען. אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט איבערגעלייענט אט וואס:

„נעכטען האט ה' דע־פרעוואל אויסגעדריקט זיין הייסען וואונש, זיך נאך אמאל צו טרעפען מיט דער דאמע אין ווייסען קלייד, מיט וועלכער ער האט פערבראכט אויפ'ן באל אין זאל פון דער אפערא: ער האט צוגעזאגט צו טאן אלץ וואס מען וועט איהם הייסען.

„אט זיינען די בעדינגונגען, אויב ער וועט זיי דערפילען, קאן ער דערגרייכען דעם ציעל פון זיינע שטרעבונגען:

1.) „מארגען ארום האלבע נאכט, וועט ה' דע־פרעוואל זיין אין דער היים: א געטרייער מענש, וועלכען ער האט שוין פריהער געזעהן, וועט קומען נאך איהם אין א געדונגענער קא־

רעטע אין דער באשטימטער צייט, נאר ה׳ דע־פרעוואל וועט מוזען ערלויבען צו פארבינדען איהם די אויגען.

2. „ער וועט ניט זיין בעגלייטער קיין פראגען ניט שטעלען ער וועט ניט פרובירען איהם אונטערקויפען, (דאס וועט סאי ווי סאי זיין אומזיסט) און וועט גהארכזאם זיך לאזען פירען.

3. „ער דארף צוזאגען ניט צו מאכען קיין טומעל, קיין סקאנדאל ניט צו פראטעסטירען געגען דער פינסטערניש, ניט צו פאדערען פון דער פערזאן דער איז וועמעס געזעלשאפט ער וועט זיך געפינען, אז זי זאל צו איהם ריידען, ווייל יענע האט בעשלאסען צו שווייגען.

4. „און ענדליך ווען זיין בעגלייטער וועט ווידער קומען נאך איהם, זאל ער זיך לאזען אפפירען אהיים אין א קארעטע, אפהיטענדיג די זעלבע באדינגונגען ווי ביים פארען אהין; נעדולדיג אהןאומזיסטע פראגעס אויסצופארשען ווי אזוי מען דענקט צו האנדלען מיט איהם, זאל ער ווארטען אויף אן ערקלערונג איבער דאס אלץ און אז ערקלערונג וועט איהם געגעבען ווערען — דאס פארזיכערט מען איהם מיט א הייליגער שבועה.

5. „אויב ה׳ דע־פרעוואל איז מסכים אנצונעהמען די בעדינגונגען, זאל ער זיך אונטערשרייבען אונטער זיי, און זאל דעם בויגען פאפיר ארייגלעגען אין א קאנווערט און זאל עס אוועקלעגען לעבען זיין טיר, פון וואנען עס וועט צו גענומען ווערען".

יבערליינענדיג אט דעמאונגעוועהנליכען בריעף, איז לעאן פון פארוואונדערונג לאנג געבליבען שטעהן, ארומגעכאפט פון א שטורם פון געדאנקען, אויפגעטרייסעלט פון טויזענטער געפיהלען.

ווי אזוי שטימט אט די גאנצע פארזיכטיגקייט פון דעם קאנטראקט מיט דעם צוזאג, צו ערקלערען אט די אלע געהיימ־

ניסען? ווי אזוי קאן מען ערקלערען אט דעם טריט פון דער אומבעקאנטער מיט איהר איידעלען, איינגעהאלטענעם, און קאלטען טאן?

ער האט צו זיך אליין עטליכע מאל געזאגט, אז עס וואלט געווען משוגע און ניט פארזיכטיג אונטערצושרייבען אזא פארשלאג און לאזען זיך אויף אזא ריזיקאלישער און אומגלויבליכע אוואנטיורע. נאר די פרעכטיגע געשטאלט פון דער מאסקירטער אומבעקאנטער איז איהם געשטאנען פאר די אויגען. דער געשפרעך אויפ'ן באל האט ווידער אויפגעלעבט אין זיין זכרון און דער שווערער קאמפף צווישען שטאלץ מיט שוואכקייט, דער רייץ פון זיין זאנדערבארער לאגע, די נייגעריגקייט, און אנגערירטע זעלבסטווירדע — דאס אלץ האט געמאכט אזוי אז ער האט ניט געקאנט ביישטעהן דעם נסיון. ער האט אפילו א טראכט געטאן, אז לאזען אן אומבעקאנטע מענשען פיהרען איהם ווער ווייסט וואו, זיך פערבינדענדיג מיט זיין ווארט, און זיך לאזען אונטערווארפען אונטער ווער ווייס וועלכע פאסירונגען איז זאגאר געפעהרליך... נאר די געפאהר האט איהם נאך מעהר צורייצט.

"ניין"! — האט ער אויסגערופען — „איך וועל ניט אפטרעטען, פאר אזא וואונדערבארע בעלוינונג, וועלכע מען זאגט מיר צו, קאן מען דעם גרעסטען אונזין באגעהן!"

און א כאפטוענדיג די פעדער האט ער אנגעשריבען: „איך נעם אן אלע בעדינגונגען, וועלכע מען האט מיר פארגעלעגט און פארפליכט זיך מיט מיין עהרען־ווארט, זיי צו ערפילען געוויסענהאפט; איך בעט בלויז ערלויבניש צו האבען ביי זיך א שווערד.

לעאן דע־פרעוואל".

דער פאקעט איז פון אימיצען אװעקגענומען געווארען און

אויפ'ן צווייטען פריהמארגען האט ער ערהאלטען א נייעם קורצען בריוועל: „עס איז ערלויבט מיטצונעהמען א שווערד. אבער ה' דע־פרעוואל דארף זיך גארניט בעאומרוהיגען וועגען זיין עהרע און זיין זיכערקייט".

נאך קיינמאל איז א טאג ניט געווען אזוי לאנג.

שוין א שעה צוויי, ווי לעאן איז ארומגעגאנגען א פארפוצטער ביי זיך אין צימער, ווען ער האט ענדליך דערהערט דעם גערויש פון א צופארענדער קארעטע און זיך שטארק אויפגערעגט. ער האט א כאפ געטאן זיין שווערד, איז ארונטערגעלאפען פון די טרעפ און האט אונטען געטראפען דעם נעגער, וועלכער האט איהם אריינגעזעצט אין דער קארעטע און איהם געבעטען אויף א געבראכענער שפראך צו ערלויבען פארבינדען איהם די אויגען...

לעאן האט זיך ניט געשטעלט אנטקעגען.

אפפארענדיג א קורצע צייט, האט זיך די קארעטע אבגעשטעלט אויף דעם נעגערס בעפעהל. ער האט לעאנען געהאלפען ארויסגעהן, און זיי ביידע זיינען אבגעגאנגען בערך א הונדערט טריט. זיי זיינען באלד אריין אין א הויז, ארויפהויבענדיג זיך אויף עטליכע טרעפ. נאכדעם האט לעאן בעמערקט אז ער איז דורכגעגאנגען דורך עטליכע גאנץ גרויסע צימערען ביז מען האט איהם אריינגעפירט אין אצימער וואו עס האט געשמעקט מיט די שעהנסטע פארפיומען. די טיכעל איז פון זיינע אויגען אראפגענומען געווארען און לעאן האט מיט נייגעריגקייט זיך אנגעהויבען ארומצוקוקען אויף אלע זייטען און דערזעהן אז ער געפינט זיך אין א פינסטערען צימער, פון וועלכען מען האט דורך אן אפענער טיר געקאנט זעהן אן עלעגאנטען בודואר, וואס איז געווען שוואך בעלויכטען פון אן אלבאסטערנעם לאמפ.

דער נעגער, וועלכער איז געשטאנען לעבען איהם מיט א

בעהאלטענער לאמטערנע אין איין האנט, האט מיט דער אנדע־ דער האנט איהם אנגעצייגט אויף דעם בודואר און האט שטיל געזאגט: „עהרע און שווייגען"! און איז גלייך פערשוואונדען.

לעאן האט זיין שווערד אראבגענומען און איז גיך ארייז... א פרוי.... די אומבעקאנטע איז האלב געלעגען אויף א זאפע — א ניט אנגעטונענע, מיט א וואואל איבער איהר קאפ.

לעאן איז פאר איהר געפאלען אויף די קניע.

"ווי גליקליך איך בין" — האט ער אויסגערופען—"אבער וואס איז דאס ? איהר בעהאלט נאך אלץ פון מיר אייער גע־ זיכט... אום גאטעס ווילען — גענוג שוין סודות, ווארפט ארונ־ טער דעם וואואל!„

און ער האט אונגעדולדיג זיין האנט אויסגעשטרעקט נאך דעם וואואל, מען האט איהם ניט אפגעהאלטען; אבער פלוצלונג האט זיך דער לאמפ אויסגעלאשען.

לאמיר ניט ווארפען קיין ליכט אויף דער פינסטערניש, וואס ער האט זיך אזוי שטרענג פארגענומען ניט צו שטערען, מיר וועלען בלויז זאגען, אז זיין גליק האט אריבערגעשטיגען אלע זיי־ נע ערוואַרטונגען, און ער האט גאר קיין ברעקעל פארלאנג ניט געהאט צו ברעכען זיין ווארט.

די צייט איז פערביי געלאפען גיך. עס איז שוין געווען ווייט אין דער נאכט, ווען אין צימער האט זיך דערהערט א לייכטער גערויש. עס האט זיך געעפענט א בעהאלטענע טיר. די אומ־ בעקאנטע איז פערשוואונדען און לעאן איז געבליבען אליין. דער נעגער האט זיך גלייך בעוויזען און האט איהם העפליך געבעטען ווידער אנצוטאן די טיכעל אויף די אויגען און איהם נאכצו־ געהן.

„א גיין !" האט לעאן מיט פערדרוס געענטפערט — „איך וועל פון דאנען ניט אוועק, ביז איך וועל ניט זעהן את די כשוף

מאכערקע... ביז איך וועל זיך ניט דערשלאגגען"...

א פרויען שטימע האט איהם איבערגעריסען די רייד און געזאגט גאנץ נאהענט פון איהם :

„עהרע און שווייגען"!...

לעאן האט זיך א ווארף געטאן אין דער ריכטונג, פון וואנען דער קול איז געקומען, ער האט זיך אבער אנגעשטויסען אויף א וואנט. ער האט אנגעטאפט א קליינע פעסט פערשלאסענע טיר דורך וועלכער ער האט בעמערקט ווי עס דערוויטערט זיך א פייערעל און פערשווינדעט.

„גרויזאמע" — האט ער ארויסגערדט ניט ווילענדיג אויפ־הויבענדיג זיין קול — „שטעלט זיך אפ, כאטש אויף איין אוי־גענבליק... איין ווארט בלויז...

— „עהרע און שווייגען" — האט געזאגט דער בעגער, שוין אין א מעהר פעסטען טאן.

„אזוי איז עס" — האט לעאן געענטפערט אומעטיגער. „די עהרע בינדעט מיך, איך האב צוגעזאגט... איך אונטערווארף זיך... איך האף, וועניגסטענס, אז דאס, וואס מען האט מיר צוגעזאגט וועט מען ערפילען, פונקט ווי איך האב ערפילט מיין צוזאג."

מען האט איהם ווידער די אויגען פערבונדען; לעאן איז נאכגעגאנגען זיין באגלייטער און האט זיך געזעצט אין קארעטע. ער איז אין גיכען געקומען אהיים. דארט האט ער זיך איבער־געגעבען צו זיינע אנגענעהמע ערינערונגען. א גליקליכער, אן אויפגערעגטער, א פארליעבטער ביז משוגעת און האט זיך גע־שטעלט די די פראגע : צו איז דאס אלץ ניט געוועזען בלויז א חלום? ער איז ענדליך איינגעשלאפען, כדי זיך אומצוקערען ווידער צו די זעלבע וואונדערבארע חלומות.

IV.

אבער ווער קאן עס באשרייבען זיין אונרוהיגקייט און ליידען, ווען עס זיינען פארביי עטליכע טעג און עס איז פארביי א וואך, צוויי, דריי און ער האט פון דער אונבעקאנטער גאר ניט געהערט. און האט דערזעהען אז עס קימערט איהר קענטיג גארניט וועגען איהם צו הערען?

יעדער געדאנק וועגען דעם איז פאר איהם געווען א מאטערניש.

„א ניט שוין זשע“, — האט ער געטראכט — „האט מען אויסגענוצט מיין עהרע און מיין גוטסקייט, כדי צופרידען צו שטעלען א מינוטענם קאפריז פון אן אונמענשליכע אויסגעלאסענע פרוי? אבער ניין, ס'איז ניט אנשטענדיג, ס'איז ניט ארענטליך פון מיין זייט. איך האב געפיהלט ווי איהר הארץ האט געקלאפט פון אויפרעגונג... א, וואונדערבארע! ווארום מייד'סט דו מיך אויס? צוליעב וואס האסטו מיך אויפגעהויבען צום סאמע שפיץ פון גליק כדי מיך גלייך פון דארט אין טיפען אבגרונד ארייצווווארפען? און צו האבען דען די זיסע מינוטען וועלכע האבען אזוי אויפגעטרייסעלט מיין נשמה, אויף דיין נשמה גאר קיין שליטה ניט?“

עס האט זיך גראדע געמאכט אז פונקט דאן, ווען ער האט פון איהר אזוי געטראכט, האט מען זיינע געדאנקען איבערגעריסען מיט א בריעף, וואס מען האט איהם דערלאנגט: דער בריעף איז געקומען עפעס אזוי ווי אן ענטפער אויף זיינע פראגען. ער האט דערקאנט די האנטשריפט מיט וועלכער מען האט די בעדינגונגען געשריבען. ציטערענדיג פון פרייד האט ער אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט איבערגעלייענט פאלגענדעס:

— „וויפיעל אילוזיעס עס קומט מיר אויס צו צושטערען! וויפיעל פריידיגע האפנונגען — צו פערלעשען ! ס'ארא צוי־בער עס וועט פארשווינדען ! איהר דענקט, אז איהר האט גע־זיעגט, אין דער צייט ווען אייער ראלע איז גאר געווען א פאסיווע. איהר פיהלט זיך, געוויס, געשמייכעלט פון אייער שטארקייט צו בעזיעגען א שוואכע פרוי: איהר האט אבער געטאן בלויז דאס, וואס זי האט געוואלט. און ענדליך, איהר ווארט דאך געוויס מיט אונגעדולד אויף דער מעגליכקייט איהר ווידער צו זעהן, צו ערפאהרען ווער זי איז, צו פארזיכערען אייער מאכט אי־בער איהר מיט נייע אויסברוכען פון אייער ליידענשאפט און ווידער זיך צובענוצען מיט איהר שוואכקייט... נאר דער מא־מענט וועט קיינמאל ניט קומען: צווישען אייך און איהר איז אלעס געענדיגט.

„פאר אייער עהרליכקייט און אייער פיינע און דעליקאטע האלטונג פארדינט איהר א געוויסע דאנקבארקייט פון מיין זייט און איך האב קיין בעסערע מעגליכקייט ניט עס אויסצודריקען ווי נאר אייך צו ערקלערען יענע פלענער, וועלכע איהר האט מיט אזוי פיעל נייגעריגקייט געוואלט אויסגעפינען. ווי זאל איך אייך ערקלערען די אורזאכע פון מיין אויפפירונג, וועלכע שיינט צו זיין אזוי זאנדערבאר, כמעט אונזיניג, אבער פאר וועלכע איך וועל אייך צו פערדאנקען, האפענטליך, קיין חרטה ניט האבען ?

„אן אונגלייכער שדוך, אין וועלכען איך האב בלויז געפו־נען ערנידערונג, אונארענטליכקייט און גרויזאמקייט, האט אין מיר איבערגעלאזען א שטענדיגען עקעל צו אזא בונד, וואס לייגט זיך ארויף מיט זיין גאנצער משא אויף דעם שוואכערען צד, וואס בעשיינט און מאכט געזעצליך אונגערעכטיגקייטען.

"ווען איך בין צו פינף־און־צוואנציג יאהר ווידער פריי גע־

ווארען א רייכע, א זעלבסשטענדיגע, האב איך זיך געגעבען א נדר צו פארבלייבען אזא. איך האב אבער באלד דערפיהלט, אז פאר מיין אונאבהענגיקייט האב איך געאפפערט די סאמע איידעלסטע געפיהלען, וועלכע זיינען אונז געגעבען געווארען פון דער נאטור. זיך ארומקוקענדיג ארום זיך, האב איך ניט געפונען קיין איין לעבעדיגע באשעפעניש וואס זאל זיך נויטיגען אין מיין איבערגעבענהייט און אין מיין צערטליכקייט, וואס וואלט געקאנט מיך ליעבען און עס מיר זאגען. דאס בעדויערען פאר וואס איך האב ניט געהאט קיין קינד האט מיך ניט אפגעלאזען אויף א מינוט. און איז אויסגעוואקסען ביז דער גרויס פון אן אמת'ן אומגליק. איך בין געבארען געווארען אונטער א ברע־נענדיגער זון, און ביי מיר איז א הייסע נאטור און ברענענדיגע געפיהלען.... וויאזוי זאל איך עס אייך דערקלערען ? עס איז ביי מיר געבארען געווארען אן אונגעוויינליכער פלאן ווי אזוי איך זאל האבען דאס גליק א מוטער צו ווערען און צו דערזעלבער צייט ניט ארויפצולייגען אויף זיך די פערהאסטע קייטען... דענקט ניט, פון דעסטוועגען, אז עס רעדט אין מיר די צולאזענ־קייט, און אז איך האלט פאר אן אונזין די צווינגענדע געזעצען פון דער געזעלשאפט, ניין, איך אכט זיי, און אויב איך האב אט דעם איינציגען מאל זיך ענטזאגט צו אונטערוווארפען זיך אונטער זיי — איז דאס בלויז אט דעם איינציגען מאל, און בע־זונדערע אומשטענדען מאכען מעגליך אז איך זאל קאנען אנהאל־טען מי , ריינעם נאמען און ניט אנרירען מיין עהרע.

„אט דער אין אנהויב ניט זיכערער פלאן האט מיך פארכאפט אלץ מעהר און מעהר, און איך האב אנגעהויבען נאכצוטראכ־טען מעהר וועגען דעם. איך בין זיך מודה, עס איז מעגליך, אז זיינע ראמאנטישע אויסזיכטען האבען איהם צוגעגעבען אין מיי־נע אויגען א נייע שעהנקייט... ער איז פערוואנדעלט געווארען

אין א לײדענשאפט. איהר װײסט אויף װאס פאר אן אופן מיר האט זיך אײנגעגעבען איהם דורכצופירען. און אויף װאס פאר א אופן איך דארף אײך דאנקען פאר די האפנונג אויף יענעם אײנציגען גליק װעלכער האט געפעהלט אין מײן לעבען. איך האב אפילו אין אנהויב געטראכט אײך גארניט צו זאגען. און מאכען אײך אן אלץ פארגעסען. איך בין אבער נאכדעם געקומען צום געדאנק, אז איך בין מחויב אײך צו געבען אײ־ניגע ערקלערונגען. עס קאן דאך זײן אז נאכדעם װי מײנע פער־לאנגען װעלען ערפילט װערען, זאל איך אװעקשטארבען. נאך אײדער די אורזאך פון אלע מײנע זארגען װעט קאנען פירען א זעלבסטשטענדיג לעבען: איך װעל איהם איבערלאזען אלץ, מײן גאנצען פערמעגען. איך דענק אבער אז איך האב קײן רעכט ניט אװעקצונעהמען פון איהם זײן אמת'ן באשיצער.

„גלויבט מיר, אז װאוהין אײערע פליכטען זאלען אײך ניט פערטראגען, װעט איהר אין דער ריכטיגער צײט באקומען א העלפט פון א רינג, װעלכער װעט זײן איבערגעשניטען אין זײן ברײט; אויף דעם רינג װעט זײן אויסגעקריצט דער געבורטס־טאג, אויב א דימענט װעט זײן אין רינגעל, װעט עס מײנען, אז א זון איז געבארען געװארען, אויב א סמאראגט—א טאכ־טער. די צװײטע העלפט פון רינג װעט מען איבערגעבען דעם קינד און מען װעט איהם ערקלערען אלץ װאס איז נויטיג, כדי אויפצוזוכען אײך, אויב איך װעל שטארבען; און אויב איהם װעט אויסקומען צו ברײנגען צו אײך זײן האלבען רינג און עס װעט פאסען צו אײער האלבען, װעט עס דערמיט בעװײזען זײן רעכט אויף אײער שוץ. און מײן אכטונג צו אײך איבערצײגט מיך, אז ער װעט אײך אומזיסט ניט דארפען זוכען...

„זײט געזונד, לעאן, זײט געזונד! זײט געזונד אויף אײביג. זאגט זיך אפ פון יעדע פראבע מיך צו געפינען. עס װעט זײן

אומזיסט, ווייל איך פאר אוועק אין עטליכע טעג ארום, פארגעסט יענע פאנטאסטישע באשעפעניש, וועלכע איהר קענט ניט און וועלכע איהר וועט קיין מאל ניט קענען. פארגעסט דעם חלום פון דער איין נאכט וואס קאן זיך ניט ווידערהאלען: זייט גליקליך — איך וויל עס, און אויב מיר וועט אויסקומען פון דעם צו הערען, וועט עס מיר באמת פרייען.“

— „גליקליך!“ — האט לעאן אויסגערופען מיט פאַרדרוס אוועקווארפענדיג דעם בריעף ווייט פון זיך. זי וויל, אז איך זאל גליקליך זיין, און צו דער זעלבער צייט לאזט זי מיר וויסען מיט אזא קאלטקייט, אז איך וועל איהר שוין מעהר קיינמאל ניט זעהען: און גראדע דעמאלט, ווען א דאנק איהר באליידיגענדען צוטרויען, דערוויס איך זיך פארוואס איך האב אזא פריין בעצאלט: איך דערוויס זיך בלויז כדי איך זאל פערשטעהן, אז מיין גליק וועט זיך צו מיר מעהר קיין מאל ניט אומקערען! זאל זי אבער ניט דענקען, אז זי וועט זיך פון מיר ארויסדרייען, זי באלאנגט צו מיר, זי האט דאך אליין אונזער בונד באשלאסען... ניט שוין זשע האט זי עס געטאן בלויז צוליב דעם כדי איהם אויף אזא אופן פאנאנדער צו רייסען? יא איך וועל איהר פארפאלגען אומעטום און אויך וועל איך ניט אויפהערען צו פאדערען דאס, וואס עס קומט מיר... ניין, זי וועט זיך פון דעם ניט ארויסדרעהען...

צום אומגליק—האט ער זיך פלוצלונג א כאפ געטאן,—האב איך גאר פארגעסען, אז זי פאהרט אוועק... עס קאן זיין, אז זי פאהרט צוריק צו איהר אהיים, און גרויסע ים'ען וועלען אונז אבטיילען. אך! ווי אונגליקליך איך בין! פאר וואס בין איך אויף יענעם באל געגאנגען? וואס פאר אן אונזין האט מיך באוואויגען אנצונעמען יענע פאלשע באדינגונגען?

דאס פלוצלונגע פארלירען פון זיינע הייסע האפנונגען הא-

בען אזוי געווירקט אויף איהם, אז ער איז קראנק געווארען פאר־עטליכע טעג. ווען עס איז פאר איהם ווידער מעגליך געווארען פון הויז ארויסצוגעהן האט ער איהר אנגעהויבען צו זוכען אזוי, ווי ער האט נאך איהר קיינמאל פריהער ניט געזוכט. ער איז אבער געווען א פרעמדער אין הויפט שטאדט און זיין זוכען איז דערפאר ניט געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. און באלד האט ער זיך געמוזט באגנוגען מיט דעם, וואס עס איז פאר איהם געווען ערגער פון אלץ — מיט א שווערערען אומעט פון גאר נישט טאן; אפילו זיין כאראקטער האט פון דעם באקומען א מעלאנכאלישען שטריך וואס האט איהם מעהר ניט אפגעלאזען.

אויסגעוואקסען אין א געאכטעטער פאמיליע, ערצויגען אין א שטרענגער דיסציפלין, האט לעאן קיינמאל ניט געפירט קיין אויסגעלאסענעם לאגער־לעבען, זיין וויסענשאפטליכע שטודיום אין זיין פאך, זיינע אויסמאטערנדיגע, העלדישע קריגסצוגען האבען איהם קיינמאל ניט געלאזען קיין פרייע צייט, צו פערבינדען אן אינטימען לעבען. כאטש פון דער נאטור איז ער געווען לייבט זיך צו פארליבען, איז איהם נאך קיינמאל ניט אויסגעקומען צו ליעבען און דערפאר איז אזוי טיף געווען אט דער ערשטער איינדרוק. און איצט, ווען דער שיקזאל האט איהם צוזאמענגעבראכט מיט א ליעבער פרוי, צו וועמען זיין געפיהל איז נאך שארפער געווארען צוליב די געהיימניסע, מיט וועלכע זי האט זיך ארומגערינגעלט,—איז זי פערשוואונדען ווי א שאטען. מעגליך, אז ער וועט גיך א טאטע ווערען—און עס וועט איהם קיינמאל ניט אויסגעקומען צו צודריקען צו זיין הארצען דאס קינד פון זיין ליעבע.זייענדיג פארבונדען מיט די צארטעסטע, שטארקסטע בענד צו באשעפענישען וועלכע ער האט געקענט בלויז אין זיין פאנטאזיע, איז ער געווען פאר משפט קיינמאל זיי ניט צו זעהען.

דאס זיינען געווען די געדאנקען וואס האבען איהם קיינמאל ניט פארלאזען. פונדעסטוועגען וואס מעהר ער האט איהר בריעף געלייענט און אויסגעטייטשט, אלץ מעהר האט ער אנגעהויבען צו געפינען אין איהם שטראהלען פון האפנונג.

די האפנונג צו געפינען די אומבעקאנטע האט ער נאך אין גאנצען ניט פערלארען. אט דער איהם צוגעזאגטער רעטזעלהאפטער רינג, וועלכער דארף איהם ברייננען די ידיעה וועגען דער פאסירונג נאך וועלכע ער גארט — צו וועט דען דער פאקט אליין פון זיין צושיקונג, ניט זיין עפעס אזוינס, וואס עס פארבינדט אונז ? און ענדליך די זארג וועגען דעם אז דאס קינד זאל צו יעדע' צייט זיין אימשטאנד אויפצוזוכען זיין פאטער בעוויזט, אז זי האט ניט אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט איהם, און דער געדאנק, אז זיין אונבעקאנטער פריינד אינטערעסירט זיך מיט זיין שיקזאל, האט איהם באהערשט און איז געווען פאר איהם א געוויסער טרייסט.

איהם האט אבער ערווארטעט א נייער פארדרוס. זיין פאלק איז בעשטימט געווארען אין א גארניזאן פון א קליינער שטעדטעל אין צפון פראנקרייך, און האט געקראגען א באפעהל זיך צורירען פון ארט. לעאן, וועלכער איז געצוואונגען געווען איהם נאכצוגעהן, איז ווידער געווארען פארצווייפעלט. פארלאזענדיג פאריז, האט ער אנגעווארען יעדע האפנונג ארויפצוקומען אויפ'ן שפור פון יענער, וועמען ער האט געזוכט, אין זייענדיג פארווארפען ערגעץ אין א ווייטער פראווינץ, האט ער זעהר לייכט געקאנט פארגעסען ווערען. עס איז אויך מעגליך, אז די נאכריכט וועלכע ער האט ערווארטעט מיט אזא אונגעדולד זאל ניט דערגעהען צו איהם אהין.

ער האט אבער געמוזט פאהרען, און דאס לעבען אין דער קליינער שטעדטעל, אהן וועלכע עס איז געזעלשאפט און אהן

וועלכע עס איז פארגעניגענס האט ניט געקאנט פארטרייבען
לעאָ'ס אומעטיגע געדאנקען.

V.

אין דער זעלבער צייט, ווען ער, א פארביינקטער אין זיין איינזאמער פארטריבענקייט, האט מיט אומגעדולד אויסגערע־כענט די צייט, ווען ער דארף קריגען א ידיעה, האט זיין אונ־בעקאנטע, וועלכע האט אויך געוואוינט אפגעזונדערט אין דער פראווינץ, אויף א פראכטפאלען גוט, וואס האט זיך געפונען אויפ'ן וועג פון טור ביז באַרדאָ, זיך איבערגעגעבען מיט דעם גאנצען פייער פון איהר ברענענדיגער נאטור צו יענע זיסע האפ־נונגען, וועלכע זי האט זיך אליין בעשאפען. אלץ איז פאר איהר ניי געווען אין יענער אונאפהענגיגער לאגע, אין וועלכער זי האט זיך איצט געפונען; אלץ האט איהר געבראכט אין התפעלות.

זי איז געבארען געווארען אין מארטיניק, און איז ביז זעכ־צעהן יאהר ערצויגען געווארען אויפ'ן דארף, צווישען שקלאפען. מילד זיינען געווען די עלטערן צו עלעאָנארע און זי האט ניט געוואוסט פון קיין צוואנג; איהר איז קיינמאל ניט אויסגעקומען צו פיהלען די לאסט פון די שטרענגע געזעלשאפטליכע געזעצען.

אבער אין יענער צייט האט איהר שעהנקייט, פון וועלכער מען האט שוין אנגעהויבען צו ריידען, געפאנגען ה' דע־ראזעלים, דעם רייכסטען מאן פון דער גאנצער קאלאניע. ער איז געקומען בעטען איהר האנט. און דער גלאנץ פון זיין רייכטום האט אזוי פארבלענדעט דעם עהרגייץ פון עלעאנארעס עלטערן, אז ער האט כמעט גלייך בעקומען זייער צושטימונג.

ער איז געווען א מאן פון א יאהר פערציג, א שעהנער, אבער מיט אן עקעלהאפטען און אבשטויסענדען כאראקטער. ער האט קיינמאל ניט פארלאזען דעם גוט, פון וועלכען ער איז פריהער געווען דער אויפזעהער, און נאכדעם דער אייגענ־

מימער, און די געוואוינהייט דעספאטיש צו געוועלטיגען האט אין איהם ענטוויקעלט יענע שלעכטע שטריכען, וואס ווייזען זיך שטענדיג ארויס ביי אפגעזונדערטע מענשען, וועלכע האבען אן אונבעגרעניצטע מאכט, ער האט צו קיינעם קיין צוטרויען ניט געהאט, און איז געווען גרויזאם, פרינציפלאז און אויסגעלאסען. ניט קוקענדיג אויף דעם וואס ער האט אין אנהויב שטאלצירט דערמיט, וואס איהם איז געלונגען צו קריגען די האנט פון דער גרעסטער שעהנהייט פון דער קאלאניע, איז ניך ביי איהם צו איהר קיין אנדער געפיהל ניט פערבליבען, ווי נור די נידעריגסטע אייפערזוכט, און ער פלעגט דאס אויסדריקען מיט דער גאנצער גראבקייט פון זיין הערשענדער נאטור.

זייענדיג איינגעשלאסען אין דעם קרייז פון איהרע נעגערינס־שקלאפין'ס, אויף וועלכע זי האט זיך אפילו ניט געקאנט פערלאזען און צווישען וועלכע עס האבען זיך געקאנט געפינען איהרע קאנקורענטקעס, איז עלעאנארען אויסגעקומען אויסצושטעהען די ערגסטע באהאנדלונג, און דאס אלץ האט זיך זעהר טיף אפגעלייגט אויפ'ן גרונד פון איהר עמפפינדליבער און שטאלצער נשמה, און פון דעמאלט אן האט זי זיך געגעבען א נדר פון האס און פעראכטונג צו אלע מענער, כאטש פארדיינט האט עס בלויז איינער. זי האט עס אבער קיינמאל ניט געקאנט אנדערש בעגרייפען.

איהרע עלטערן זיינען געשטארבען פון פארדרוס, וואס זיי האבען מקריב געווען זייער איינציגע טאכטער. און דער מאן איז איבערגעזעטיגטער פון דעם סארט לעבען, פון וועלכען ער האט שוין אלע פארגעניגענס אויסגעשעפט, האט זיך געקליבען אוועקצופארען קיין פראנקרייך, וואו ער האט געוואלט קויפען ערד. אבער דער טוידט האט איהם איינמאל געטראפען אונער־

ווארטעט און אין רעכטען מיטען פון אן אויסגעלאסענער הול־אנקע.

די שעהנע עלענארא דע־ראזועלים איז צו פינף און צוואנציג יאהר געבליבען די רייכסטע אונאבהענגיגע אלמנה אין דער גאנ־צער קאלאניע, אבער זייענדיג פול מיט עקעל צו דעם לאנד, אין וועלכען זי איז אויסגעשטאנען נאר אזוינע צרות, האט זי בא־שלאסען צו פארווירקליכען די פלענער פון איהר מאן און זיך צו באזעצען אין פראנקרייך. צוזאמען מיט איהר האט אויך איהר יוגענד־פריינדין, מאדאם דע־זשארנאנסע, א פיעל מעהר גליק־ליכע אין איהר פאמיליען לעבען, אויך בעשלאסען אריבערצו־קלייבען זיך אין פראנקרייך. זיי האבען צוזאמען געדונגען א שיף און שווערענדיג נאך אמאל אויף דער קבר פון איהרע על־טערן, אז זי וועט קיינמאל ניט לאזען קיין איינציגען מאן הערשען איבער איהר שיקזאל, האט זיך מאדאם דע־ראזועלים געלאזען אין וועג, מיט טויזענדער פלענער אין קאפ און מיט טויזענדער האפנונגען אין איהר הארצען.

אין די ערשטע יאהרען פון איהר אומגליקליכע הייראט האט זי פיעל געליטען פון דעם וואס זי האט קיין קינדער ניט געהאט. און דאס איינציגע וואס עס האט איהר געטרייסט איז געוועזן די מורא, טאמער וואלט דאס קינד גע׳ירשנט פון טאטען יענע פעהלערען, פון וועלכע איהר איז אויסגעקומען אזוי פיעל צו ליידען.

אבער באלד ווי זי האט זיך אנגעזעטיגט מיט דער פריי־הייט האט זי אנגעהויבען צו בעדויערן שטארקער, ווי ווען ניט איז פריהער, פאר וואס זי האט קיין קינד ניט געהאט, און זייענדיג אליין אהן א פאמיליע, אהן א צובונד, פאהרענדיג אין א לאנד וואו זי קען קיינעם ניט, האט זי געפיהלט אז אונאב־הענגיגקייט איז נאך ניט אלעס, וואס עס מאכט א מענשען

גליקליך און כדי האלט צו האבען דאס לעבען מוז מען האבען עפעס אן אינטערעס.

די קינדער פון איהר פריינדין, מיט וועלכע זי האט זיך ניט געשיידט אין פארלויף פון זייער רייזע איבער'ן ים, האבען איהר ווידער געמאכט זיך צו פארטראכטען וועגען דער פראגע, און אונטער דער ווירקונג פון זייער טוליען זיך צו איהר, פון זייער שפילען זיך, איז ביי איהר צוערשט געבארען געווארען יענער פלאן, וועלכער איז שפעטער דורכגעפיהרט געווארען. די ליידיגע צייט פון דער לאנגער רייזע האט איהר געגעבען די פולע מעגליכקייט צו בעטראכטען די איינצעלהייטען פון איהר פלאן, אויסצומיידען יענע אונבעקוועמליכקייטען, וועלכע האבען אויסגעזעהען אונפערמיידליך אויפ'ן ערשטען אויגענבליק. און וואס ווייטער איז זי אלץ מעהר און מעהר בעגייסטערט געווארען פון איהר פלאן; זי האט איהם שוין קלאר געזעהען אין איהר פאנטאזיע, און אנקומענדיג אין בארדא, איז זי פון איהם אין גאנצען באהערשט געווען.

נאך א קורצער פערוויילונג אין בארדא, האט זי זיך אוועקגעלאזען מיט דער פאמיליע דע־זשערנאנסע קיין פאריז, וואו זיי האבען זיך געקליבען צו פארברייננען דעם ווינטער. מיר האבען געזעהען מיט וואס פאר א לייכטזיניגקייט, און מיט וואס פאר אן ערפאלג זי האט דורך געפיהרט איהר אונזיניגען שפיל, מיט לעאן דע־פרעוואל, וועלכער האט פערמאגט גענוג ערענטליכקייט. און גענוג כאראקטער־שטארקייט. א דאנק דעם איז זי נצול געווארען פון יענע געפאהרען, וואס זיינען איהר פארגעשטאנען.

ניט וועלענדיג אנפערטרויען קיינעם איהר סוד, אויסער דעם געטרייען נעגער, האט זי איהם אנגעזאגט צו דינגען ערגעץ וואו אין א ווייטען, פארווארפענעם געגענד פון א פארשטאדט

א שטיבעל, מיט וועלכער זי זאל זיך קאנען באנוצען פאר איהרע צוועקען. די בעהאלטענע ספרונזשינע, מיט וועלכער מען האט געקאנט אויסלעשען דעם לאמפ, דער געהיימער ארויסגאנג, וועלכען זי האט פריהער ארומגעטראכט קלוג און פארזיכטיג פאר איהר שפיל וואס איז געווען ווייט פון שולדיג און בארע־בענט.

אזוי ווי זי האט געוואוינט צוזאמען מיט איהרע רייזע־פריינד, איז איהר אויסגעקומען זיי אפצונארען. זי האט זיי געלאזט וויסען אז אויף מארגען נאכ'ן באל פאהרט זי אוועק צו זיך אויפ'ן גוט, און אין אמת'ן האט זי אין דעם באשטימטען טאג, נים קוקענדיג אויף זייערע בקשות, זיך געזעגענט מיט זיי, און איז אוועקגעפאהרען אין דער באגלייטונג פון'ם נעגער צו איהר געדונגענער שטיבעל. די איבריגע פון איהרע דינער זיינען אוועקגעפאהרען מיט עטליכע שטונדען שפעטער, אלץ איז גע־גאנגען גלאט, אזוי ווי זי האט געוואלט.

נאך לעאן'ס באזוך, וועלכער איז געווען אזוי פארזיכטיג צוגעגרייט, איז זי נאך פארבליבען א קורצע צייט אין דער שטי־בעל. און פון דארטען טאקע האט זי איהם געשריבען דעם בריעף וואס האט איהם אריינגעווארפען אין אזא מעלאנכאליע; און אין עטליכע טעג ארום איז זי אוועקגעפאהרען קיין טורען.

גלייך ווי זי איז געקומען אהין, האט זי אנגעהויבען צו פארשפרייטען א קלאנג אין דער גאנצער סביבה, אז איהר מאן איז קראנק געווארען, גלייך ווי זי זיינען ארויסגעפאהרען, און איז געשטארבען אויפ'ן וועג. דער שווארצער שלייער, וואס זי האט געטראגען אלס צייכען פון טרויער, האט באשטעטיגט דאס. וואס זי האט דערצעהלט. אין קורצען האט זי געגעבען די ארו־מיגע צו פארשטעהען אז ביי איהר איז וויינינגסטענס פארבליבען די האפנונג צו זעהען די שפעטע פרוכט פון איהר הייראט; אין

עטליכע חדשים ארום האבען אלע אנגעהויבען זעהן, אז איהר האפנונג וועט מקוים ווערען: און אין די לעצטע הערבסט-טעג האט פרוי דע־ראזועלים זיך דערווארט. זי האט געבארען א מיידעלע, און זי האט איהר אנגעהויבען צו הארעווען ביי זיך אין שלאס.

מיט וואס פאר א פרייד זי פלעגט עס צודריקען צום הארצען דאס קינד. וועגען וועלכעס זי האט אזוי לאנג געטרוימט, און געבויט אויף איהם דעם גאנצען גליק פון איהר לעבען און האט געוואלט איהם אבגעבען די גאנצע צארטקייט פון איהר נשמה.

„דו וועסט מיך ליעב האבען,—האט זי געזאגט,— יע, דו וועסט מיר דאנקבאר זיין, פאר יענע זארג, פאר יענע צערטליכקייט, מיט וועלכע איך וועל דיך ארומרינגלען. איך וועל לעבען בלויז פון דיינט וועגען. אהן מורא, אז גלייכגילטיגקייט און באליידיגונגען וועלען זיין די באלוינונג פאר מיין איבערגעבענקייט. ענדליך איז דא אויף דער וועלט א באשעפעניש צו וועלכען איך בין צוגעבונדען מיט די צארטסטע און שטארקסטע בענד, איך בין זיכער, אז בלויז זיינע אונשולדיגע לאסקעס, זיין קינדערשע פרייד וועט זיין פאר מיר דער גרעסטער גליק.

עס איז גאנץ נאטירליך, אז אין מיטען פון אט די, פאר איהר גאנץ נייע פריידען, און פארגעניגענס האט זיך ביי איהר דערוועקט די ערינערונג אן דעם מענשען, וועמען זי האט אלץ צו פערדאנקען. זי האט א טראכט געטאן וועגען דעם, ווי גליקליך לעאן וואלט געווען, ווען ער וואלט נאר געקאנט א קוקטאן אויפ'ן קינד: און דער געדאנק האט איהר דערמאנט אז איהר צוזאג צו לאזען איהם וויסען וועגען דער געבורט פון קינד.

דער נעגער איז באלד אוועקגעשיקט געווארען קיין פאריז, מיט א שליחות איבערצוגעבען לעאנען דעם רינג. מען האט איהם אנגעזאגט אויסצוגעפינען אין קריגס־מיניסטעריום, אין וועלכער

שטאדט עס געפינט זיך לעאָן׳ס פאלק, און גלייך זיך אוועקגעלאָזען אהין אום איהם איבערצוגעבען די לעצטע שליחות. ער האט עס געדארפט איבערגעבען איהם פערזענליך און זיך אבטראגען דעם זעלבען אויגענבליק אום ניט צו געבען קיין געלעגענהייט ה׳ דע־פרעוואל אפצושטעלען איהם און פארלעגען כאטש איין פראגע. דער נעגער האט דעם באפעהל אויסגעפיהרט פינקטליך.

VI.

איינמאל אין א פריהמארגען, ווען לעאָ, וועלכער האט זיך אלץ ניט געקאנט בארוהיגען, האט זיך אן אומעטיגער און א פארקלערטער אומגעקערט פון זיינע באשעפטיגונגען, האט ער ביים טיר פון זיין הויז דערהערט הינטער זיך די טריט פון א פערד. ער האט זיך אומגעקוקט און דערזעהען דעם גוט בעקאנטען נעגער. ער האט אויסגעשריען פון דער אונערווארטעטער פרייד. דער נעגער איז צוגעקומען נאָהענט צו איהם:

— „איך בין געשיקט געווארען איבערצוגעבען אייך אט דאס,“ — האט ער געזאגט, ניט אראפקריכענדיג פון זיין פערד און האט איהם איבערגעגעבען א פארזיגעלטע קעסטעלע.

ער האט גלייך דאס פערד א זעץ געטאן מיט די שפארען און איז פערשוואונדען. לעאָ האט איהם נאכגעקוקט א צומישטער, בלויז די קעסטעלע אין זיין האנט האט איהם איבערציינגט, אז דאס איז ניט געווען קיין שאטען וואס איז ארויסגערופען געווארען דורך זיין קראנקער פאנטאזיע.

ער האט אויף גיך אויפגעעפענט די קעסטעלע: אין איהר איז קיין זאך ניט געווען אויסער א האלבער פון א גאלדענעם רינג, וואס האט אויסגעזעהען ווי א תבעת־קדושין און וואס

איז באצירט געווען מיט אן אויסערגעוועהנליך — שעהנעם סמאראגד. אויפ'ן רינג איז געווען אויסגעקריצט: „נאוועמבער דעם 22טען... 18־טען יאהר".

— „א טאכטער, — האט לעאן אויסגערופען — איך בין א פאטער געווארען!... און קיין בריעף איז ניטא, קיין איינציג ווארט! זי רייצט זיך נאך מיט מיר!... נאר ווארשיינליך זועט מיט דעם שוין אלץ זיין געענדיגט, איך וועל שוין מעהר ניט הערען פון איהר... נאר ווער איז זי, אט די ניט דערגרייכבארע פרוי, וועלכע טוט מיט מיר וואס זי וויל און האט אויסגעשפרייט איהר הערשאפט אויך איבער מיין צוקונפט?

„זי קוקט מיר נאך אפילו אין אט דער פערווארפענער פראווינץ, און לויט איהר קאפריז אט זוכט זי מיך אויף, און אטווארפט זי מיך ווידער אוועק. אך, יענער באל, יענע אונגליקליכע באגעגעניש!"

און זיין אויפגערעגטער פערשטאנד האט אויף הונדערטע אופנים איבערגעטראכט אט דאס אלץ, ניט געפינענדיג קיין פאסיגע ערקלערונג.

אזוי איז אוועק א גאנצע צייט, מיט דעם אנקומען פון פרילינג האבען זיך אנגעהויבען ארומצוטראגען קלאנגען וועגען מלחמה. מען האט גערעדט וועגען א צוג נאך שפאניען, און אין מיל טערישע קרייזען האט מען גחלום'ט וועגען אויסצייכענונגען און באריהמטקייט און מען האט זיך געפרייט מיט דער מעגליכקייט זיך ארויסצורייסען פון דעם רוהיגען, פארשלאפענעם לעבען.

מיט א באזונדערן אומגעדולד האט לעאן געווארט דעם מלחמה רוף. אן אויסגעמאטערטער פון זיינע ערינערונגען און פון זיין ליידיג ארומגעהן, האט ער געווארט אויף עפעם אן ענדערונג. אבער ווי איבעראשט איז ער געווארען, ווען איינמאל

האט ער ערהאלטען א טעלעגראמע פון קריגס מיניסטער, אז ער איז באשטימט געווארען פאר אן אדיוטאנט פון גענעראל ב... און א באפעהל באלד צו קומען אין פאריז און זיך מעלדען גלייך צו אט דער הויכגעשטעלטער פערזאן.

לעאן, וועלכער האט איהם ניט געקענט און צו איהם ניט געהאט קיין פראטעקציע, האט ניט געקאנט פארשטעהען מיט וואס צו דערקלערען זיין דערהויבונג, נאר פאר דער לעצטער צייט קומען דאך מיט איהם בכלל אפט פאר אזוינע אויסערגעוועהנליכע פאסירונגען. און אט די לעצטע פאסירונג האט איהם פול גע־מאכט מיט פרייד און האפנונגען. אפשר האט זיין אונבעקאנטע א חלק אין אט דער נייער פאסירונג... און אויב עס זאל באמת זיין אזוי וועט ער דאך האבען די מעגליכקייט אויסצוגעפינען איהר נאמען און זיך דערוויסען וואו זי איז. דערצו וועט ער ווידער זיין אין פאריז, א קורצע צייט אפילו, — דאך קען גע־שעהן, אז עפעס א גליקיכער צופאל וועט איהם העלפען איהר אויסצוגעפינען.

און אט איז לעאן שוין ווידער אין הויפטשטאדט. דער גענעראל האט איהם זעהר גוט אויפגענומען, האט איהם אריינ־גענומען צו זיך אין הויז און האט איהם איינגעלאדען צו שפיי־זען ביי איהם.

די ערשטע צייט איז ער געווען אזוי פארנומען, אז ער האט גאר קיין צייט ניט געהאט אפילו צו פרובען איהר זוכען. כאטש ער האט שוין פון ערפארונג געוואוסט אז עס איז סאי ווי סאי אומזיסט: דאך אין א גאנץ קורצע צייט ארום, ווען ער איז זעהר באליעבט געווארען ביים גענעראל, האט ער באשלאסען צו פרעג־גען איהם: וועמען, אייגענטליך, האט ער צו פערדאנקען זיין דערהויבונג? דער גענעראל האט איהם געענטפערט, אז דאס איז געווען די רעקאמאנדאציע פון ה' דע־ב... וועלכער איז דער

ממונה איז קריגס־מיניסטעריום איבער די פאַרטיילונג פון שטעלען און די ערינערונג אַז לעאָ׳ס אויסגעצייכענטע דיענסט אין די פריהערדיגע קריגסציגע האָט איהם באַוואויגען צו באַשטימען איהם פאַר זיין אדיוטאַנט.

„דערפאַר גלויב איך — האָט דער גענעראַל ווייטער געזאָגט, — אַז איהר וואָלט איהם געדאַרפט אָפּשטאַטען אַ וויזיט און באַדאַנקען איהם. איך וועל די טעג זיין ביי איהם און אויב איהר ווילט, וועל איך אייך מיט איהם באַקענען“.

לעאָן כאָטש אַבגענאַרט אין זיינע ערוואַרטונגען, האָט דאָך מיט דאַנקבאַרקייט אַנגענומען דעם פאָרשלאַג, און אין עטליכע טעג ארום האָט איהם דער גענעראַל אוועקגעפיהרט צו ה׳ דע־ב...

אין זאַל האָבען זיי שוין געטראָפען אַ היבש ביסעל מענשען. מאַדאַם דע־ב וועלכע האָט איינגעאָרדענט עטליכע קארטען טישלאך, האָט ווידער פאַרנומען איהר פּלאַץ ביים קאַמין, וואו עס זיינען געזעסען עטליכע דאַמען און הערען. צווישען זיי איז אַנגעגאַנגען זעהר אַ לעבעדיגער געשפּרעך. מען האָט לעאָנען פאָרגעשטעלט פאַר דער בעל׳הבית׳טע פון הויז... אומזיסט האָט ער געזוכט צו דערגעהן פון איהר דאָס וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט וויסען: נאָך עטליכע ליעבליכע ווערטער האָט מאַדאַם דע־ב זיך צוריקגעזעצט און האָט אַנטייל גענומען אין דעם אַלגעמיינעם געשפּ. עך: זי האָט געבעטען איינעם פון די הערען, אַז ער זאָל פאָרטזעצען זיין אַנעקדאָט, און לעאָן — אַן ענטוישטער אין זיינע ערוואַרטונגען — איז געזעסען גלייך מיט אַלעמען און זיך איינגעהערט.

קאָמישע און אויסערגעוועהנליכע פּאַסירונגען זיינען פאָרגעבראַכט געוואָרען איינע נאָך דער אַנדערער. און מאַדאַם דע־ב... וועלכע האָט אויפמערקזאַם אויפגעפּאַסט, אַז יעדער איינער זאָל קריגען אַ געלעגענהייט זיך אויסצוצייכענען, האָט זיך געווענדט

צו לעגנען און מיט א שמייכעל איהם געפרעגט: צו איז איהם ניט אויסגעקומען אין זיינע מיליטערישע ערפארונגען איבערצו־לעבען עפעס אזוינס, וואס זאל ווערט זיין צו דערצעהלען. לעאן וועמעס געדאנקען עס האבען זיך די גאנצע צייטגעדרעהט ארום זיין אייגענע פאסירונג, האט דערצעהלט די גאנצע געשיכטע, צו שרייבענדיג איהר צו אן אפיציר פון זיין פאלק. זיין ערצעהלונג איז געווען אינטערעסאנטער נאך דערמיט וואס ער אליין איז אין גאנצען געווען באהערשט פון דאס, וואס ער האט דערצעהלט.

ווען ער האט געענדיגט, האט זיך ענטוויקעלט א הייסע דעבאטעוועגען דעם מאדנעם קאפריז פון דער אונאבהענגיגער פרוי. די דאמען האט מיט א גערעכטער שטרענגקייט איהר פאר־אורטיילט. עס איז אן אונפערצייליכער אונזין, דאס א פרוי זאל ריזיקירען מיט זיך אזוי לייכטזיניג, און זיי האבען איהר פאר־געווארפען, פאר וואס זי האט געאפפערט מיט איהר פליכט, צוליעב א שלעכט פארשטאנענע שטרעבונג צו פרייהייט. די מענער האבען געפונען אז איהר האלטונג ווייזט אויף א שטאר־קען ווילען און א רייכע פאנטאזיע, אז זי האט דורכגעפירט איהר ראמאן מוטיג און שכל'דיג, און אז זי איז בלי ספק א וואונ־דערבארע פרוי. זיי האבען אלע זיך געוואונשען צו זיין אויפ'ן אפיצירס פלאץ: זיי האבען אבער אלע פארזיכערט, אז זיי וואל־טען ניט ערלויבט אזוי שפילען מיט זיך און אז קיין שבועה אין דער וועלט וואלט זיי ניט צוריקגעהאלטען אויסצוגעפינען און ארויפלעגען א צוים אויף דער ליפערקע.

„און טאקע אזוי — האט טרוקען בעמערקט אן עלטערע פרוי, — עס איז ניט נויטיג געווען צו היטען אזא, וועלכע האט אזוי ווייניג אכטונג צו זיך אליין.“

— „איך בין איינפערשטאנען““ — האט זיך אנגערופען זעהר א שעהנע פרוי, וועלכע איז געזעסעןביים קאמין — אז

פארטיידיגען איהר איז ניט מעגליך, מען קאן דאך אבער יע־דענפאלס אננעמען אז דער עקעל צו הייראט איז ביי איהר ארויסגערופען געווארען דורך שטארקע, פארבארגענע אור־זאכען, דאס איבעריגע האט פארענדיגט דאס מוטער געפיהל— און ווער פון אונז, וואס לאסטשעט א שמייכעלדיג קינד, וועט ניט געפינען ביי זיך אין הארצען באטש א שטיקעל מחילה פאר א פעהלער, וועלכער איז ארויסגערופען געווארען דורך אזא גע־פיהל" ?

„איהר גיט אבער וועניגסטענס צו, אז זי האט גרויזאם גע־האנדעלט מיט אט דעם אומגליקליכען אפיציר" ?

— „וואס פאר א שלעכטס האט זי איהם אייגענטליך גע־טאן"? — האט מיט א לייכטזיניגען טאן געפרענט די שעהנע דאמע.

„וואס פאר א שלעכטס" ? — האט מיט פייער אויסגערו־פען לעאן, — „ווי עס זעהט אויס, איז ביי אייך גארניט דאס וואס דער אפיציר ווערט כסדר פארפאלגט פון דער ערינערונג וועגען דער וואונדערבארער פרוי, וועמעס שעהנקייט און פאר־שטאנד האבען איבערפילט דעם בעכער פון זיין ליעבע, ווע־מעס באהערשונג עס איז געווען פאר איהם דער גרעסטער גליק. און וועלכע בעהאלט זיך פון איהם אזוי פאר־ערקשנ'ט. זי מיידט אויס זיין ליעבע, אזוי ווי זי וואלט אנגעצונדען א פייער אין זיין הארצען בלויז צוליעב דעם, כדי ער זאל שטענדיג בלייבען אין דער מאכט פון זיין באדויערן. איהרע פארבינדונגען מיט איהם מיט דעם אויסשליסליכען צוועק כדי אנצוהאלטען אין איהם דעם ברען פון יענע פערלאנגען, וועלכע זי וועט קיינמאל ניט וועלען באפרידיגען. ער איז א מאן, א פאטער, און עס קאן זיין אז איהם וועט קיינמאל ניט אויסקומען צו זעהען יענע, צו וועלכע עס ציהען איהם די נאטירליכסטע געפיהלען. ער ווייס

ניט, וואו זיי זיינען, און אין דער זעלבער צייט געפינט ער זיך אליין אונטער א געהיימער אויפזיכט. מען היט איהם זיין יעדען טריט, מען זוכט איהם אויף, מיט זיין לעבען שאפט מען זיך, מען לייגט איהם ארויף פליכטען, און ער, דער אומגליקליכסטער צווישען שטערבליכע, וועט קיינמאל ניט באלוינט ווערען פאר דעם מיט דעם פאמיליען גליק, וועלכע אלע האבען, אויסער איהם.

— „איהר וועט דאך אבער צוגעבען, אז דאס איז אביסעל איבערטריבען, ווייל נאך אלעמען, וואס שטערט איהם צו הייראטען“ ?

„אך, מיין ליעבע פרוי, — צו קאן ער עס דען טאן ? לאמיר אפילו אנעמען, אז ביסלעכווייז וועט ער מיט דער צייט איהר פארגעסען און עס וועט פערשווינדען יענער אויסערגעוועהנליך טיפער איינדרוק פון זיין צייטווייליגען גליק — אבער צו קאן ער דען איצט באלאנגען צו זיך אליין ? צו קאן ער דען פארלירען זיין פרייהייט, כל זמן עס איז פריי יענע, וועמען ער ליעבט ? און ווי איז, אז ביי איהר וועט מיט אמאל פערשווינדען יענער אונפארשטענדליכער עקעל צום פארהייראטען לעבען, אויב עס וועט פלוצלונג מעגליך ווערן פאר איהם צו קריגען די האנט פון דער, פון וועמען ער טרוימט אזוי לאנג? צו דען וואלט עס פאר איהם געוועז א טרייסט, ווען ער וואלט געוועז פארבונדען מיט אן אנדערער?“

— אבער יעדענפאלס, ווי דערהויבען זיינען די געפיהלען. וואס איהר שרייבט איהם צו — האט געענטפערט די דאמע, טוענדיג א קוק אויף לעאנען, מיט צארטע און נייגעריגע בליקען.

דאס האט איהם גערירט, און ער האט פארטגעזעצט, נאך מיט מעהר היץ:

„און דער רינג, וועלכער איז צוטיילט געווארען צווישען איהם און זיין קינד, צו איז דאס ניט קיין קיים, וואס האלט איהם אויף אייביג געשמידט ? און וואס פיר א לאגע ער זאל ניט זיין, קאן מען פון איהם שטענדיג פאדערען זיינע פאטער־ליכע פליכטען... ער איז פארבונדען, און אין דערזעלבער צייט האט ער גאר ניט, און ער געפינט זיך נאך אין אזא אונגליק־ליכע לאגע אז זיין קינד וועט ער קאנען זעהען נאר דאמאלס, ווען עס וועט פארלירען די מאמען ! ווען ער וועט זיין קינד צום ערשטען מאל דערזעהען, וועט עס זיין א צייכען, אז די צווייטע, נאך טייערערע באשעפעניש, איז שוין אויף דער וועלט ניטא ! א גרויסער אומגליק וועט מוזען געשעהן, אום ער זאל האבען דאס גליק א פאטער צו זיין !"

ארויסזאגענדיג די לעצטע ווערטער, האט לעאן'ס שטים געציטערט, און זיינע אויגען זיינען געווען פארלאפען מיט טרערען.

— „אויף מיין עהרען ווארט, ליעבער פרעוואל,—האט מיט א שמייכעל דער גענעראל געזאגט — איהר האט בעשאפען אזא פאטעטישען בילד פון אט דעם יונגענמאן'ס לאגע, אז ניט ווי־לענדיג דאכט זיך, ווי איהר וואלט עס פון זיך אליין דער־צעהלט".

מאדאם דע־ב, דערזעהענדיג לעאן'ס פארלארענהייט, האט אויף גיך איבערגעביטען דעם געשפרעך. לעאן איז געבליבען זי־צען ביים קאמין לעבען דער דאמע, וואס האט ארויסגעוויזען צו איהם סימפאטיע. נאך א קורצען שווייגען האט זי צו איהם ליעב־ליך געזאגט :

— „איהר האט אונז אלעמען זעהר שטארק פאראינטע־רעסירט מיט דער פאסירונג פון אייער פריינד, עס איז גאר

ניט מעגליך שעהנער און בארעדטער איבערצוגעבען זיינע גע־פיהלען".

„יערענפאלס, מאדאם, האב איך גאר ניט איבערטריבען. אזוי איז עס, נאך די מלחמה, וואס האט זיך נאר וואס אנגע־הויבען, וועט איהם מעגליך מאכען צו פערטרייבען זיין אור־מעט: און זיין האפנונג איז צו ענדיגען ווי א העלד זיין לעבען. פון וועלכען ער האט שוין מעהר קיין גליק ניט צו דערוואַרטען"

— "וואס רעדט איהר ? — האט איהם איבערגעשלאגען די שעהנע דאמע, — אויב איהר האט נאר אוועלכע ניט איז ווירקונג אויף איהם, דארפט איהר עס אויסנוצען אום איהם אפצורייסען פון אט דעם שרעקליכען געדאנק. איהר דארפט איהם באווייזען אז ער מוז זיך היטען צוליעב זיין קינד..."

"אך, צו וואס זאל ער אנערקענען פליכטען, וואס גיבען איהם ניט קיין רעכטע ? פאר וואס זאל ער אבגעבען זיין לעבען פאר יענע, וואס האט עס פארגיפטעט ? א קויל אבער, — האט ער צוגעגעבען מיט אן אומעטיגען שמייכעל, — וועט אויסגלייכען א סך שווערינקייטען"...

דא האט איהם דער גענעראל אוועקגערופען. זיי האבען זיך צוזעגענט און אוועקגעפאהרען, באגלייט מיט גוטע צוזווינשונ־גען און א גליקליכען צוריקקומען.

— „אט דער יונגערמאן איז זעהר אינטערעסאנט, — האט מאדאם דע־ב... געזאגט נאך זייער אוועקפארען, — ער האט א שעהנעם פנים, א פיהלענדע הארץ, עס וואלט געווען א פאר־דרוס, ווען ער זאל אומקומען אין שפאניען".

VII.

פון דעמאלט אן האט מאדאם דע־ראזועלים (דער לעזער שטויסט זיך געוויס אן, אז דאס איז זי געווען) זיך מעהר ניט געקאנט אומקערען צו יענער פריעדליכער זארגלאזיגקייט, צו יע־נער שטאלצער רוהיגקייט, וועלכע זי האט געהאפט אויפצוהאל־טען אויף שטענדיג. זי האט צום ערשטען מאל דערפיהלט די גאנצע באדייטונג און געפאהר פון איהר האנדלונג. דאמאלט ווען די דאמען האבען אזוי שלעכט פאראורטיילט איהר האל־טונג; און די לייכטזיניגע באמערקונגען פון די מענער האבען איהר געגעבען צו פארשטעהן ווי דאנקבאר זי האט געדארפט זיין פאר לעאן׳ס אונגעוועהנליכע איידעלקייט.

אט די געדאנקען האבען שטארק אויפגעהויבען לעאנען און איהרע אויגען, און דאס באוואוסטזיין, אז זי האט פאראור־זאכט ליידען צו א מענשען, וועלכער האט ניט געקאנט איהר ניט געפעלען ווערען, מיט וועמען עס איז געווען פארבונדען איהר געפאהר און באריהמטקייט, געגען וואס א פרויען־הארץ קאן ניט ביישטעהן. און ענדליך, יענע אונרוהיגקייט וואס האלט אונטער ליעבע און ערינערונגען, — דאס אלץ צוזאמען האט אין איהר נשמה ארויסגערופען גאנץ נייע געפיהלען.

דער שטארקער פארלאנג צו זעהן איהר טאכטער, אומצו־קערען זיך ווידער צו איהר איינזאמקייט האט איהר געמאכט שנעל זיך צוצוגרייטען צו דער רייזע אהיים.

ווען זי איז געקומען זיך געזעגענען מיט מאדאם דע־ב...., האט זי דארט זיך דערוואוסט אז גענעראל כ. און זיין ליעבער אדיוטאנט מוזען שוין געוויס זיין ניט ווייט פון שפאניען, וואו עס האט זיך שוין אנגעהויבען די מלחמה. עס האט איהר פאר־

קוועטשטביים הארצען. איהר וויזיט איז געווען א קורצער. עפעס האט איהר געצויגען אהיים און איהר געצוואונגען זיך אונטערצואיילען מיט דער רייזע.

אבער וואס פאר אן אונטערשיעד עס איז געווען צווישען דעם איצטיגען געמיט־צושטאנד און יענע שטימונג וואס איז ביי איהר געווען אין אנהויב ווינטער, ווען זי האט זיך געלאזט איינריידען פון מאדאם דע־זשערנאנסע צו פארברייגגען דעם ווינטער אין פאריז.

א גליקליכע, א רוהיגע, א בליהענדיגע וואס האט פון קיין זאך ניט געטראכט, אויסער פון וואוילטאג — אזא איז אין יענער צייט געווען מאדאם דע־ראזעלים. עס איז זיך גרינג פאר־צושטעלען, ווי פריינדליך א וואונדער שעהנע רייכע אלמנה איז אויפגענומען געווארען אין דער אריסטראקאטישער געזעלשאפט. די הויז פון מאדאם דע־ב איז געווען איינע פון יענע הייזער, וואו עלענארע פלעגט אריינקומען. הער דע־זשערנאנסע איז גע־ווען שטארק באפריינדעט מיט הערען דע־ב... און ווען עס האבען זיך אנגעהויבען ארומצוטראגען די ערשטע קלאנגען וועגען קריעג, איז עלענארא'ן איינגעפאלען אויסצונוצען איהר בעקאנטשאפט און זעהן ארויסקריגען פאר לעגנען אן אמת, וואס זאל זיין ווייניגער געפערליך און מעהר געאכטעט— זי האט געזאגט וועגען דעם ה' דע־זשערנאנסע, דערצעהלענדיג איהם אז די פאמיליע פון דעם יונגען מאן האט איהר געבעטען, אז זי זאל זעהען עפעס־טאן פאר איהם. זי האט איהם אויך געבעטען אז איהר נאמען זאל ניט זיין פארמישט אין דעם.

איהר פערלאנג איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג, באלד נאך דעם האט זיך געמאכט יענע באגעגעניש, וועלכע האט מיט אמאל אלץ געענדערט אין איהר לעבען.

אן אומרוהיגע, א פארקלערטע, פול פון חרטה אויף איהר

אונזיניגע האנדלונג, וועגען וועלכע זי האט פריהער גאר ניט געטראכט, וואס פאר א רעזולטאטען עס קאנען ארויסקומען, האט זיך מאדאם דע־ראזעלים אומגעקערט צוריק קיין מורען. איהר לעבעדיגע פאנטאזיען האט פאר איהר געמאלען די שרעקליכס־טע בילדער פון אלערליי מעגליכע פאסירונגען, איהר הארץ האט זיך צוזאמענגעדריקט פון די פינסטערע צוקונפט־בילדער וועל־כע זי האט אליין פאר זיך באשאפען. דעם נעגער האט זי איבער־געלאזען אין פאריז, ער זאל איהר צושטעלען פינקטליך אלע נייע־סען פון דער מלחמה, וואס האבען איהר אנגעהויבען אזוי שטארק צו אינטערעסירען.

דערזעהענדיג ווידער איהר טאכטער, האט זי דעפיהלט אז זי איז איהר נאך מעהר טייער געווארען; איהר האט שטארק פארוואונדערט די ענליכקייט, וועלכע זי האט ביז איצט ניט באַ־מערקט. און נייע קושען, מעהר צערטליכע זיינען געקומען נאך אט דער ענטדעקונג.

אין נאך א גרעסערע איינזאמקייט ווי פריהער האט מאדאם דע־ראזעלים פארבראכט דעם זומער, צוקוקענדיג זיך מיט פרייד ווי עס וואקסט און עס ענטוויקעלט זיך איהר קינד: יעדער נייער חודש האט צוגעגעבען דעם קינד א נייע שעהנקייט און האט געצוואונגען צו מאכען נייע טריט אויפ׳ן וועג פון זיין ענטוויק־לונג. עלענארע האט געשטראהלט פאר פרייד; גאר אפט האט זי געפיהלט, אז עס פעהלט איהר אימיצער, וועלכער וואלט גע־קאנט טיילען מיט איהר איהרע מוטערליכע פריידען.

— „ווי טרויריג עס איז"—האט זי געטראכט.—וואס איך האב קיינעם ניט, מיט וועמען איך וואלט געקאנט ריידען פון מיין גליק, וועלכער וואלט עס געפיהלט אזוי ווי איך... אך, געוויס — האט זי פארטגעזעצט און א זיפץ געטאן און באלד טאקע דעם זיפץ שטאלץ דערשטיקט,—געוויס, בלויז א פאטער וואלט

געקאַנט געפינען פרייד אין דעם...נאָר ווער ווייס, אויב עס וואָלט איהר ניט געשטערט אין איהר ערציהונג דער שטאָלצער דעס־פּאָט מיט זיין גראָבער שטרענגקייט... אך! לעאָן וואָלט קיין דעספּאָט ניט געווען... ביי איהם איז אַזאַ ווייכער בליק, אַזאַ ליעבליכער שמייכעל ער וואָלט געווען א גוטער פּאַטער".

און זי האָט אָנגעהויבען טראַכטען פון דעם אַז ער איז ווייט פון דאַנען, אַז עס איז אין רעכטען מיטען פון אַלע מלחמה־גע־פאַרען. זי האָט געטראַכט פון דעם וואָס ער האָט געזאָגט אַז ער וויל שטאַרבען. און ווער ווייס? פיליכט איז ער שוין טאַקע געשטאַרבען.

און מאַדאַם דע־ראַזועלים האָט אָנגעהויבען שרייבען בריעף מיט בקשות צו לאָזען איהר וויסען די נייעסען פון שפּאַניען, — און איהר רוהיגקייט און איהר שטאָלץ פלעגען זיין אומגעקעהרט צו איהר ערשט דאַמאָלט, ווען זי פלעגט זיך דערוויסען אַז ה׳ דע־פרעוואַל געפינט זיך אין יענער און יענער שטאָדט און אַז ער איז געזונט.

ווען עס איז געקומען נעהענטער צום ווינטער, האָבען איהרע פריינד ניט געקאָנט פאַרשטהען, וואָס פאַר א צוציהענדיגע קראַפט עס האָלט איהר אַזוי לאַנג ווייט פון מענשען. זיי האָבען איהר אָנגעהויבען שרייבען בריעף און רופען צו זיך. זי האָט אָבער אַלץ אָפּגעלייגט איהר פאַרען, עס איז איהר שווער געווען איבערצולאָזען די קליינינקע לעאָנע, וועלכע זי האָט וואָס אַ טאָג ווייטער אַלץ מעהר ליעב באַקומען. זי האָט אין זיך נאָך ניט געפונען גענוג מוטה מיטצוטיילען מאַדאַם דע־זשערנאַנסע וועגען די עקזיסטענץ פון איהר קינד.

ערשט אין יאַנואַר איז זי אוועקגעפאָרען אין פּאַריז, אָבער יענע פאַרגעניגענס און יענע געזעלשאַפט, וועלכע האָבען איהר אַזוי שטאַרק לעצטען יאָהר אינטערעסירט, זיינען איצט אויסגעקו־

מען געשמאקלאז, פארמאטערענדיג. אז אויסגעמאטערטע און אונצופריעדענע פלעגט זי קומען אהיים און אפט פלעגט זי בלייבען איינע אליין און זי האט אנגעהויבען טראכטען אז פאר דער אונאבהענגיגקייט, נאך וועלכער זי האט אזוי געשטרעבט, קומט אוים צו באצאלען א צו גרויסען פרייז פון א פוסטקייט אין הארצען און א שטענדיגע בענקשאפט.

עם האבען איהר שטארק דערעסען די פיעלע לייכטזיניגע קאוואלערען וואס האבען זיך געדרעהט ארום איהר, וועמעס האפנונגען האבען געשטיצט איהר פלאץ אין דער געזעלשאפט. און זי האט געטראכט אז עס וואלט פיליכט געווען בעסער זיך צו פערבינדען מיט איינעם און דורך דעם פטור ווערען פון אלע אנדערע, ווייל א שעהנע און אן אינטערעסאנטע דאמע מוז האבען א באשיצער, וואס זאל אבהיטען איהר עהרע. און אונבעמערקט פאר זיך אליין זיינען איהרע געפיהלען צו לעאנען געווארען וואס ווייטער אלץ וויינינער גלייכגילטיג.

מיט אמאל האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז אויפ'ן שפאנישען שלאכט־פעלד איז פארגעקומען א זעהר בלוטיגע שלאכט.

עלענארע פול מיט אונרוהיגע און שווערע אנגסטען, איז גלייך אוועקגעלאפען צו מאדאם דע־ב. דארט האט מען שוין גערעדט וועגען דער פראגע וואס האט איהר אזוי שטארק אינטערעסירט; און ווי אויפגערעגט איז זי געווארען ווען מאדאם דע־ב. האט ארויסרעכענדיג די נעמען פון די אומגעקומענע אפיצירען, זיך געווענדט צו איהר:

— איהר גערענקט דאך יענעם ליעבען אדיוטאנט, פון גענעראל כ., וועלכער האט אונז דערצעלט אזא מאדנע געשיכטע ? אך ! פון דער שלאכט אן איז ער פערפאלען געווארען. און מען הערט גארניט פון איהם, מען קאן איהם ניט געפינען ניט צווישען די טויטע און ניט צווישען די לעבעדיגע.

א געשריי פון איבעראשונג איז געווען עלענארעס איינציגער ענטפער. צו איהר גליק האט מען אנגעהויבען ארויסצוזאגען פארשידענע מיינונגען וועגען דער פאסירונג. און אויסהערענדיג שוויינענדיג אלע מעגליכע סברות, — איינע האפנונגסלאזער פאר דער צווייטער — איז זי גיך אוועק אהיים. ענדליך האט זי דערפיהלט, אז ניט קוקענדיג אויף איהר גאנצען פאראורטייל, האט זיך געפונען א מענש, וואס האט מעכטיג צושטערט איהר רוה און האט באקומען א ווירקונג אויף איהר לעבען.

זי איז פארבליבען אין פאריז נאך א חודש, אלע האפענדיג אויסצוגעפינען מעהר איינצעלהייטען וועגען לעאנען. זי האט אבער גארנישט אויסגעפונען, און זי האט באשלאסען זיך אומצוקערען קיין טורען. אומזיסט האט מאדאם דע־זשערנאנסע, וועלכע איז געווען ערשטוינט פון איהר פארטרויערקייט זיך געווערט געגען איהר פלאן, מורא האבענדיג אז די איינזאמקייט וועט נאך פארערגערען איהר לאגע. זי איז אוועקגעפאהרען, אבער ניט דער אומעט און ניט די אונרוה האבען איהר ניט פארלאזען. קוקענדיג אויף איהר טאכטער איז איהר אונרוהיגקייט נאך שטארקער געווארען.

— "זי האט קיינעם ניט אויסער מיך" — האט זי געזאגט, — „יענער. וואס וואלט מיך געקאנט פארבייטען, איז שוין מעגליך ניטא אויף דער וועלט".

מיט אונגעדולד האט זי יעדען טאג ערווארט די פאסט. אבער אין פארלויף פון כמעט צוויי חדשים האט זי קיינע ידיעות ניט באקומען וועגענס לעאן'ס שיקזאל.

VIII.

איינמאל אין א פארנאכט איז זי געזעסען טיף אין איהר פארק, און געקוקט איהר קליינע לעאנע האט זיך געשפיעלט. זי האט זיך פארטראכט וועגען יענעם, און געקוואלען נחת קוקענדיג ווי איהר קליינע לעאנע האט זיך געשפיעלט. זי האט זיך פארטראכט וועגען יענעם, און וועמען לעאנע האט איהר דערמאנט. פלוצלונג האט זי דערהערט די קולות פון איהרע דיענער, וואס האבען איהר גע־זוכט.

— „די מאדאם: — האט איינער פון זיי געזאגט. — מוז זיין אין פארק מיט איהר טאכטער„:

מיט דער טאכטער?! — האט זיך פערוואונדערט אפגע־רופען א פרעמדע שטים, און וועלכער עלענארע האט באלד דערקענט מאדאם דע־זשערנאנסע.

זי האט זיך טאקע באלד בעוויזען און די פריינדינס האבען זיך ארומגעכאפט קושען.

„טייערע עלענארע! — האט די גאסט אנגעהויבען — איך האב שוין לענגער ניט געקאנט איינהאלטען מיין אונרוהע. דיינע בריעף זיינען געווארען אזוי קורץ און אזוי זעלטען און עס איז אין זיי געלעגען דער שטעמפעל פון אזא בענקשאפט, אז מיר האט זיך פארוואלט אליין א קוקטאן וואס איז מיט דיר. איך בין געקומען אויף א קורצע צייט און אויב מיר וועט זיך איינגעבען, וועל איך דיין אומעט פערטרייבען.

און אין דער צייט וואס עלענארע, א גערירטע ביז טרערען האט הערצליך געדאנקט איהר פריינדין פאר אזא פריינדליכע איבערגעבענהייט, האט מאדאם דע־זשערנאנסע געקוקט פול מיט נייגעריגקייט און פארוואונדערונג אויפ'ן קינד, געגען וועד מען, זי האט עס געזעהען, אלע הויזיגע האבען זיך געהאלטען

ווי געגען דער בעל־הבית'טעס א טאָכטער. זי האָט אויך גע־הערט ווי דאָס קינד פלעגט אָפט פלאַפּלענדיג איהר רופען מאַ־מע.

ווען זיי זיינען אריין אין הויז, האָט מאַדאַם דע־ראַזועלים געזאָגט מיט א שמייכעל:

— „איך זעה דיין פערוואונדערונג און איך פערשטעה דיין נייגעריגקייט... אַ, מיין טייערע, עס האָט פּאַסירט אַזוי, אַז איך האָב געהאַט פון דיר א סוד, וועלכען איך האָב פאַר קיין פאַל ניט געקאָנט זיך באַשליסען דיר צו אנטפּלעקען. מאָרגען אָבער וועסטו אַלץ וויסען, און דאָס וואָס איך וועל דיר דערצעהלען וועט פאַר דיר אויך קלאָר מאַכען די אורזאַך פון מיין אומעט“.

ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס מאַדאַם דע־זשערנאַנסע איז מיעד געווען פון וועג, פונדעסטוועגען האָט זי שלעכט געשלאָפען — אַזוי פיעל איז זי געווען אונגעדולדיג צו וויסען דעם סוד אין וועלכען אַלץ איז געווען פאַר איהר ניט פאַרשטענדליך.

אויף מאָרגען איז זי פריה אויפגעשטאַנען און אריין צו עלענאָרען. זיי זיינען ביידע גלייך אוועק אין פּאַרק, כדי צו קאָ־נען ראַרטען פריי זיך דורכריידען. מאַדאַם דע־ראַזועלים איז גע־גאַנגען שווייגענדיג לעבען איהר פריינדין, זייענדיג צוטומעלט וועגען דעם סוד וואָס זי דאַרף עפענען.

ענדליך האָט זי לאַנגזאַם אַנגעהויבען:

— „איצט, מיין טייערע, קאָן איך שוין מעהר ניט בעהאַל־טען פון דיר דעם אמת, וועלכען איך האָב די גאַנצע צייט דיר געוואָלט אויסזאָגען. איך האָב עס ניט געטאָן דערפאַר, ווייל איך בין זיכער געווען אַז דו וואָלסט ניט מסכים געווען דערמיט... אָבער מען דאַרף דאָך דיר סוף כל סוף ערקלערען... אַז דאָס קינד וואָס האָט נעכטען אַרויסגערופען דיין נייגעריגקייט... איז מיין טאָכטער... איך האָב געוואָלט ווערען א מאַמע און צו דער זעל־

בער צייט האב איך ניט ג .וואלט ווידער ארויפציהען אויף זיך יענעם שרעקליכען יאך, וועלכען איך האב שוין איין מאל גע־פיהלט אויף זיך״.

מאדאם דע־זשערנאנסע האט ניט ווילענדיג אויס:עשריען פון פארוואונדערונג; אבער ניט געבענדיג איהר קיין צייט ארויס צוזאגען א ווארט, האט עלענארע פארטגעזעצט צו דערצעהלען וועגען איהר משוגענעם פלאן, וואס איז ביי איהר געבארען געווארען ווען זיי זיינען צוזאמען געפארען אויפ׳ן שיף, און וועגען דעם ווי אזוי זי האט דעם פלאן דורכגעפירט.

ווען זי איז שוין ענדליך צוגעקומען צו דער געבורט פון איהר טאכטער, האט איהר פריינדין איהר פלוצלונג איבערגע־ריסען:

„וויפיעל זארג—האט זי אויסגערופען—וויפיעל פארזיכטיג־קייט כדי צו בעגעהן א משוגעת! אך, אין וואס פאר א גע־פאר דו ביזט געווען! אזוי צו שעדיגען דיין גוטען נאמען, דיין לאגע אין דער געזעלשאפט! און צו וועלכען צוועק אזוינע קרבנות? צוליעב א ניט פולען גליק, וועלכען מען דארף האל־טען פארבארגען פון דער וועלט! אט צו וואס עס האט דיך געבראכט דיין נארישער פאראורטייל. דו האסט נאכגעגעבען דיין פאנטאזיע און האסט זיך מיט דיין גאנצען ברען אנגעכאפט אן א פאנטאסטישען איינפאל, וואס האט דיך געמאכט אפּפערען מיט א גליקליכען לעבען, כדי צו באפרידיגען דייגעם א קאפ־ריז!... גלויב מיר, דו האסט געדארפט, אזוי שנעל ווי מעגליך, זיך צוזאמענקומען מיט דעם פאטער פון אט דער ליעבער מיי־דעלע; נעהם ביי איהר לענגער ניט אוועק איהר בעסטען פריינד, איהר נאט ליכען באשיצער; בארויב זיך אליין ניט פון דעם צויבער פון דעם איינפאכען ליעבע־געפיהל, פון דער צערטליכס־טער און ענגער נאהענטקייט״!

— „אַך, — דאָס איז שוין ניט אין מיין מאַכט — האָט אויסגעשריען מאַדאַם דע־ראַזועלים, — הער זשע אויס, ווי איך בין באַשטראָפט געוואָרען פאַר דעם, פאַר וואָס דו אורטיילסט מיך אַזוי שטרענג“.

און זי האָט איהר דערמאַנט אַן יענעם אַדיוטאַנט, וועגען וועלכען מען האָט אַזוי פיעל גערעדט אין מאַדאַם דע־ב׳ס הויז און וועלכען מען האָט שפּעטער אַזוי שטאַרק באַדויערט.

— „ווי, דאָס איז ער געווען? — האָט אויסגערופען מאַדאַם דע־זשערנאַנסע — וואָס האָסטו געטאָן, עלעאָנאָרע? אַך, ווי איך האָב מיטלייד מיט דיר! דו זעהסט, דיין נאַרישער שפּיעל האָט צושטערט דיין גייסטיגע רוהיגקייט, האָט געמאַכט אַ סוף צו די בעסטע טעג פון דיין לעבען; און אַלס אַ גערעכטע שטראָף קאָנסטו אַפילו דיין פעהלער ניט פאַריכטען. און אַזאַ ביזטו אַ פרויענצימער, אָבער ניט קיין ווייב, דו ביזט אַ מוטער, וואָס וואָגט אַפילו ניט דעם נאָמען צו טראָגען; אין פאַרלויף פון דיין גאַנצען לעבען וועסטו זיך שעמען מיט אַזאַ שעהנעם און אַזאַ נאַטירליכען געפיהל. און דו מיט אַזאַ גלאַנץ מיט אַזאַ שעהנקייט, באַשאָנקען מיט אַלע מעלות פון דער נאַטור, האָסט זיך באַרויבט פון יענעם גליק וועלכען עס האָבען די אונבעדייטענסטע פון אַלע פרויען. — דעם זיסען גליק צו האָבען אַ מאַן און קינדער! אָבער דאָס איז נאָך ניט אַלץ. איך לייען אין דיין הארצען. — אומזיסט זוכסטו עס צו בעהאַלטען פון אַנדערע און פון זיך אַליין — דיין הארץ בעלאַנגט שוין מעהר ניט צו דיר: דו ליעבסט און געהערסט צו אַן אַנדערען“.

ביי די ווערטער האָט מאַדאַם דע־ראַזועלים פאַרדעקט איהר געזיכט מיט די הענד. טרערען האָבען זיך אַ גאָס געטאָן פון איהרע אויגען.

— „טייערע עלעאָנאָרע — האָט פריינדליך געזאָגט מאַדאַם

דע־זשערנאנסע צודריקענדיג איהר צו זיך און ארומנעמענדיג איהר. — ווען איך זעה דיינע טרערען, פיהל איך אז צו שטארק אין מיין ליעבע צו דיר אז איך זאל קאָנען זיין דיין ריכטער. זיי ניט עלענארע פערצווייפעלט. עס קאָן זיין, אז צו דיין צרה איז נאך דאָ א רפואה; לאמיר האָפען אז לעאָן לעבט און אז עס וועט זיך איינגעבען אלץ צו פאריכטען!"

דאס לעצטע וואָרט האָט אָפגעשטעלט עלענארע׳ס טרערען.

— "פאריכטען"! — האָט זי שטאַרק אויסגערופען. — „ניין" מיין טייערע. איך קאָן ניט זיין איינפערשטאַנען מיט דיר וועגען דעם, וואס דו רופסט אן „פאריכטען". איך גיב צו, אז איך בין באגאנגען א פעלער; ס׳איז אבער ניט געווען פון שטאַר־קייט, נאָר פון מיין אייגענעם ווילען, נאך א לאַנגען נאכטראכטען און איבערגעלעבטע ליידען... אמת איך בעוויין דעם שיקזאל פון אָט דעם אינטערעסאנטען מענשען, וועמעס געפיהלען איך האָב אויפגעטרייסעלט, מעגליך, אויך זיין לעבען פארקירצט, איך וועל ניט קאָנען זיין גליקליך, איידער איך וועל ניט הערען אז ער לעבט. אבער אָפזאגען זיך פון מיין אונאבהענגיגקייט און מיט דעם אָפזאג דערלאָזען דעם געדאנק, אז איך בין געווען כאראקטערלאָז, אדער אז איך ווידערשפרעך זיך איצט, דאָס וועל איך קיינמאל ניט צוגעבען".

מאדאם דע־זשערנאנסע האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אז עס איז נאך צו פריה אנצוהויבען אן אָפענעם קאַמפף געגען די פאראורטיילען פון איהר שטאָלצער פריינדין; נאָר פון דעמאָלט אָן איז לעאָן געוואָרען די אָפטסטע טעמא פון זייערע געשפרע־כען: און עלענארע פלעגט גאָר אליין ניט באמערקען, ווי זי פלעגט ריידען פון איהם אהן א שיעור און ווי אלץ שטאַרקער עס האָט איהר געצויגען צו איהם.

מאדאם דע־זשערנאנסע האָט פאר איהר געמאָלען פרעכ־

טיגע בילדער פון א גליקליכען לעבען, ווי איהר אייגענער לע־
בען און האט איהר פערזיכערט אז אויך זי קאן נאך זיין אזוי
גליקליך. עלענארע פלעגט מאנכע מאל ווערן ווייכער און זיך
בייגען פאר די גוטע רייד פון איהר פריינדין און מאנכעמאל
פלעגט זי זיך ווידער אומקערען צו איהר פאנטאסטישע אידעע
וועגען פרייהייט און פלעגט ווערען אויפגערעגט פון דעם געדאנק
אז זי זאל זיך אפזאגען פון יענעם ארט לעבען, פאר וועלכען זי
האט שוין אזוי טייער בעצאלט. אויף איין זאך אבער האבען
זי זיך שטענדיג געאייניגט און דאס איז געווען אויף דער האפ־
נונג אז לעאן וועט נאך צוריקקומען.

— איינמאל, ווען עלענארע און מאדאם דע־זשערנאנסע
זיינען געזעסען און גערעדט וועגען זייער בעליעבטער טעמא האט
מען זיי געמעלדעט, אז א דיענער פון א פארבייפארענדיגען רייז־
זענדען בעט הילף פאר זיין קראנקען בעלהבית, וועלכער ליגט
א גע'חלשט'ער אין זיין קארעטע.

מאדאם דע־ראזועלים האט גלייך געהייסען טאן פאר איהם
אלץ וואס מען דארף און געריהרט פון א נאטירליכען מיטגע־
פיהל איז זי גלייך אוועק צום קראנקען אין דער באגלייטונג פון
איהר פריינדין.

מען האט איהם שוין ארויסגענומען פון קארעטע, און ער
איז געלעגען א בלייכער אויפ'ן גראז זיך ניט רירענדיג. ער איז
געווען איינגאנצען אין בלוט, זיין דיענער איז געווען פערצוויי־
פעלט און מיט טרערען אין די אויגען האט ער געשריען, אז די
וואונד האט זיך געעפענט און אז זיין בעל־הבית איז פארלארען.

מאדאם דע־ראזועלים איז צוגעקומען און ווי נאר זי האט
א קוק געטאן אויף דעם בעוועגלאזען קערפער, האט זי א געשריי
געטאן און צופאלענדיג צו איהר פריינדין האט זי קוים ארויס־
גערעדט :

— "דאס איז ער! ער איז געקומען שטארבען אויף מיינע אויגען"!

„אום גאטעס ווילען, — האט שטיל ארויסגערעדט מאדאם דע־זשערנאנסע. — „טו זיך אן א כח און גיב זיך ניט ארויס"!

אט די עטליכע ווערטער האבען עלענארען צו זיך געבראכט. זי האט דערפילט די געפאר פון איהר לאגע, און צוזאמענגענומענדיג אלע איהרע כחות, וואס זיינען גרייט געווען איהר צו פערלאזען, האט זי געהייסען אריבערטראגען דעם פערוואונדעטען, וועלכער איז נאך אלץ געלעגען בעוואוסטלאז, אין שלאס.

IX.

ווען לעאן האט אויפגעעפענט זיינע אויגען, האט ער דער־זעהן, אז ער ליגט אין א בעט, און אז א דאקטאר געהט ארום איהם ארום, און אז זיין וואונד איז שוין איבערגעבונדען. דער דיענער, צו וועלכען ער האט זיך געווענדעט מיט א פראגע וועגען דעם, וואס עס איז פארגעקומען, האט איהם געוואלט עס אי־בערגעבען אין עטליכע ווערטער. דער דאקטאר האט איהם אבער אבגעשטעלט, פאדערענדיג שווייגען און רוה.

מאדאם דע־ראזעלים וועלכע האט מיט אונגעדולד געווארט צו הערען נייעס וועגען קראנקען, איז געווען שטארק אויפגע־רעגט, ווען מען האט איהר געזאגט, אז ער איז זעהר אפגעשוואכט פון בלוט־פארלוסט, און אז אויב עס זאל נאך צופאלען פיבער, איז דא א געפאהר, אז ער וועט עס אפשר ניט אויסהאלטען. דער קראנקער האט גערארפט האבען פולשטענדיגע רוה; עס איז באשלאסען געווארען, אז די דאמען זאלען ניט ארייגעהן אין זיין צימער, און אז מען זאל אויפפאסען אז דעם קראנקען זאל קיין זאך ניט פעהלען.

אויפ’ן צווייטען טאג פאר טאג האט עלענארע אנגעקלונגען און א שרעק האט איהר פארכאפט, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז דער קראנקער האט בייגאכט געקראגען פיבער און אז ער האט אנגעהויבען ריידען פון היץ. ערשט איצט האט זי א פארצווייפעלטע פארשטאנען, ווי טייער לעאן איז איהר און זי האט דערפיהלט אז אהן איהם קאן זי שוין מעהר ניט זיין גליקליך. זי האט פארגעסען אן איהר שטאלצקייט און אן איהרע פריהעריגע פאראורטיילען: איהר נשמה איז געווען פול מיט איין געדאנק וועגען די געפאהר אין וועלכע לעאן געפינט זיך. מאדאם דע־זשארנאנסע, וועלכע האט די גאנצע צייט מורא געהאט אז די אויפרעגונג פון איהר פריינדין זאל איהר ניט ארויסגעבען, האט זיך געדארפט אנשטרענגען דעם גאנצען טאג ניט צו דערלאזען, אז זי זאל אריינגעהן אין קראנקענס צימער. אויף דער צווייטער נאכט אבער, ווען אלע זיינען זיך צוגאנגען, האט עלענארע מיט אן אויג ניט געקאנט צומאכען. איבערבלייבענדיג אליין אונטער דער ווירקונג פון דער שטילקייט, ווען אן אומגליק קומט אויס נאך גרעסער האט זי שוין מעהר ניט געקאנט באהערשען איהר אונרוה. זי האט זיך אפגעשטעלט לעבען לעאן’ס טיר, כדי צו הערען וואס עס קומט דארט פאר. ער האט נאך גערעדט פון היץ און צו איהר האבען זיך נאך אפט געטראגען אפגעריסענע קלאנגען פון זיין פערשטיקטער און ציטערענדיגער שטים. און אונטער דעם כח פון פערצווייפלונג האט זי שטיל געעפענט די טיר און איז אריינגעגאנגען...

די וועכטערין האט איינגעדרעמעלט. ביי דעם שוואכען שיין פון לאמפ האט זי דערקענט דעם ליעבען פנים, וועלכער איז אזוי שארף איינגעקריצט געווארען אין איהר זכרון. נאר די אויגען האבען געקוקט אויף איין פונקט. זיין פנים האט געברענט. דער צוזאמענגעצויגענער אטעם האט קוים באוועגט דעם ליי־

לאַך איבער איהם. עלענאָרע איז אַנידערגעפאַלען אין שטול לעבען טיר, און האָט מיט איהרע הענט פארדעקט דאָס געזיכט, וואָס איז געווען מיט טרערען פארגאָסען.

דער לייכטער גערויש, וואָס איז ארויסגערופען געוואָרען דורך איהר אריינקומען, האָט לעאָנען ארויסגעפיהרט פון זיין פארגעסענהייט.

„איז זי דאָס„? — האָט ער אויסגערעדט. — "ווען זי קומען ? . . . . איך שטאַרב . . . אַך, ווען איך זאָל איהר קאָנען זעהען ! זאָגט איהר, אז איך שטאַרב... וואו קאָן מען איהר אָבער געפינען ?... איך האָב איהר פערלאָרען, פערלאָרען אויף אייביג"!

ער האָט זיך אָבגעשטעלט און באַלד ווידער אָנגעפאַנגען:

„מיין טאָכטער . . . ברייננט איהר צופיהרען צו מיר... ניט שוין זשע האָט מען א רעכט מיר צו פערווערען זיך זעהן מיט מיין טאָכטער פאר'ן טויט ? אָרים קינד, זוך ניט דיין טאַטען!... דו האָסט איהם שוין ניט... ער האָט דיך זאָגאָר ניט געקאָנט בענשען אין זיינע לעצטע מינוטען".

ביי די ווערטער איז עלענאָרע אזוי גערירט געוואָרען, אז זי האָט זיך צואווייגט אויפ'ן קול.

לעאָן האָט א ציטער געטאָן, האָט אָפּגעדרעהט זיין קאָפּ, אָבער זיינע אונבאַוועגליכע אויגען האָבען גאָרניט געקאָנט זעהען.

„וואָס איז דאָס פאר א געהיימניספולער ווינקעל?—האָט ער געזאָגט — „ווער איז דאָרט אויפ'ן דיוואַן ?... דאָס ביזטו, וועמען איך פארגעטער... דו, וועמען איך האָב געזוכט... דו ערלויבסט מיר פאַלען צו דיינע פיס... דו—אין מיינע אָרעמס... די מאַסקע אָבער !... ארונטער, ארונטער מיט דער מאַסקע... ווי ? דו ווילסט שוין ווידער לויפען ! . . . ניין, ניין, דו וועסט

זיך שוין מעהר פון מיר ניט ארויסגליטשען"...

און דא האט ער זיך אנגעשטרענגט מיט אלע זיינע כחות זיך אויפצוהויבען.

„לעאן! — האט אויסגערופען עלענארע, לויפענדיג גלייך צום בעט, — לעאן, ווארט..."

ער האט א קוק געטאן אויף איהר מיט א פארוואונדערונג, אונזיכער. נאכדעם ווי ער איז אויף א ווײלע אנטשוויגען געווא־רען, האט ער ארויסגערעדט מיט א מעהר רוהיגער שטים:

"ס'איז מיר אזוי שווער! הויבט מיר אונטער מיין קאפ. אך, ווען איך וואלט נאר געקאנט איינשלאפען"!

די ווערטער, וועלכע האט זיך אויפגעכאפט פון עלענא־רעס געשריי, איז צוגעגאנגען איהר העלפען. ער האט זיך אבער אפגעקערט פון איהר און ארפאלאזענדיג זיין קאפ אויף עלע־נארעס ברוסט, האט ער ענדליך איינגעשלאפען מיט א רוהי־גען שלאף.

אין א ווײלע ארום איז אריינגעגאנגען מאדאם דע־זשערנאנ־סע, ווערענדיג אונרוהיג וועגען איהר פריינדין. זי איז אויפ־געשטאנען פארטאג. ניט געפינענדיג עלענארען אין איהר צי־מער, איז זי א דערשראקענע אוועקגעלאפען צום קראנקענס צי־מער, און איז שטעהן געבליבען אין טיר, א פארציטערטע פון דעם בילד וואס זי האט געזעהן. לעאן איז א שלאפעדיגער גע־לעגען אנגעשפארט אויף עלענארעס פלייצע, און יענע, זייענ־דיג אונבעוועגליך אויפ'ן ברעג פון זיין בעט, איינבייגענדיג איהר געליבטען, האט אומזיסט זיך באמיהט איינהאלטען די טרערען, וואס האבען זיך געקייקעלט פון איהרע אויגען.

מאדאם דע־זשערנאנסע איז גלייך צוגעגאנגען צום בעט.

„וואס טוסטו דא, עלענארע? — האט זי שטיל געפרעגט.

„וואס פאר אן אונזין!"

"לאז מיך אפ" — האט איהר עלענארע איבערגעריסען — קיין זאך קאן מיך ניט פון זיין בעט אפרייסען, ביז וואנען אט דער אומגליקליכער וועט אדער שטארבען, אדער גערעטעט ווערען... זאלען אלע וויסען אז איך בעלאנג צו איהם: דאס וועט זיין א גערעכטע שטראף פאר מיין זינד. אך, ווען ער וואלט נאר לעבען געבליבען ! און ווייטער קימערט מיך קיין זאך ניט".

די מורא אויפצואוועקען דעם קראנקען האט זיי ביידען גע־צוואונגען אנשוויגען צו ווערען. און לעאן איז ווייטער געבליבען שלאפען מיט א רוהיגען און טיפען שלאף.

ער האט אפגעשלאפען עטליכע שעה. ווען ער האט האלב געעפענט די אויגען און האט קוים זיינע ברעמען אויפגעהויבען, איז זיין בליק גלייך געפאלען אויף דער ציטערענדיגער עלע־נארע, וועלכע האט פארזיכטיג איבערגעלייגט זיין קאפ אויפ'ן קישען. ער האט ווידער פערמאכט זיינע אויגען, און זיי גלייך ווידער געעפענט.

„וואו בין איך"? האט ער געפרעגט מיט א שוואכער שטים.

און באמערקענדיג אז ער איז כמעט אין די ארעמס פון א פרוי, וועלכע איז לויט איהר אויסזעהן גאר ניט עהנליך גע־ווען צו אן איינפאכע ווערטעריז, האט ער געמאכט א באווע־גונג, וועלענדיג באפרייען איהר פון זיין שווערען קערפער. זיין בליק וואס האט שוין ניט געבלאנזשעט, נאר אויסגעדריקט פארוואונדערונג, האט נאכגעקוקט עלענארען, ביז זי האט זיך ניט באהאלטען הינטערן ווענטעל פון זיין בעט.

וואס איז עס, א חלום ? — האט ער קוים ארויסגעזאגט — די שטריכען... איך האב זיי געזעהן. אך! ניין, איך האב קיין טעות ניט !...

— „ער בעמערקט מיך!" — האט עלענארע אויסגעשריען

מיט שרעק רויט ווערענדיג ביז די ווארצלען ביז איהרע האהר.

„איינמאל דאכט זיך, ביי מאדאם דע־ב. עס איז אבער גענוג איין מאל, כדי אויף שטענדיג צו געדענקען“ — און זיינע גרויסע, מידע אויגען האבען זיך ווידער אפגעשטעלט אויף איהר.

— „שטילער, שטילער, רעדט מעהר ניט. עס איז אייך שטרענג פארזאגט אז איהר מוזט שווייגען. שווייגט און טראכט פון קיין זאך ניט, פארלירט ניט קיין האפנונג, שלאפט איין...

באלד איז אנגעקומען דער דאקטאר; ער האט געפונען, אז דער לאנגער שלאף האט געווירקט זעהר גוט אויפ'ן קראנקען. די היץ, האט ער געזאגט, איז געפאלען, און אויב ער וועט ניט האבען קיין נייעם אנפאל אין דער קומענדיגער נאכט, איז ער זי־כער א געראטעוועטער.

עלענארע האט איינגעהאלטען דעם אטעם, זיך צוהערענדיג צו איהם, און זיין יעדער טרייסט־ווארט איז איהר אריין טיעף אין הארצען. די פרייד, וועלכע זי האט ניט געקאנט קאנטרא־לירען, האט א צארטע רויטקייט ארויסגערופען אויף איהרע פייכטע, בלייכע באקען.

ווען די נאכט איז געקומען, האט מען איהר פאר קיין פאל ניט געקאנט אוועקנעהמען פון לעאנ'ס צימער, וואו זי האט גע־ווארט צו זעהן אויב עס וועט קומען א נייער אנפאל. ער איז ניט געקומען. די נאכט איז פאראיבער רוהיג, און אויפ'ן צוויי־טען טאג האט דער דאקטאר געלאזט וויסען, אז די געפאר איז פארביי. ער האט אבער געהאלטען פאר זיין פליכט מתריא צו זיין מאדאם דע־ראזעלים, אז עס דארף נאך לאנג נעמען ביז ער וועט געזונט ווערען, און אז עס איז געפערליך אוועקצולאזען דע־ קראנקען ביז זיין וואונד וועט זיך פאלשטענדיג פארדע־קען.

עלענארע, וועלכע האט בלויז געוואלט ארויסווייזען נאר

א קאלטען מיטגעפיהל, האט א ציטער געטאן פאר פרייד פון דעם געדאנק אז די גאנצע צייט וועט זי קאנען זיין אין א וואונדערבארער נאהנטקייט פון לעאנען, וועט זיך זארגען בלויז וועגען איהם און וועט איהם ענדליך אומקערען זיין גליק, נאכדעם ווי זי האט איהם אומגעקערט זיין לעבען.

אין גיכען איז ער געווען בכח ארויסצייגען זיין דאנקבארקייט צו דער ליעבער ווירטין, וועלכע ער האט געזעהען, ווי איהם האט זיך געדאכט, בלויז איינמאל אין לעבען, אבער וועמעס שעהנקייט און ליבליכער שמייכעל האבען זיך איינגעקריצט טיף אין זיין זכרון.

די ביידע פריינדינס האבען זעלטען ווען פערלאזען זיין צימער, זיי פלעגען איהם אונטערהאלטען, פלעגען פארלייענען פאר איהם אויפ'ן קול, אמאל פלעגען זיי שפילען פאר איהם שטילע מוזיק. ער האט געפיהלט אזוי ווי ער וואלט געווען ארומגערינגעלט פון אייגענע שוועסטער. עלענארע פלעגט טרעפען און דערפיהלען זיינע פארלאנגען. זי האט איהם ארומגערינגעלט מיט אלע יענע קלייניגקייטען, וועלכע מען פיהלט כאטש מען באמערקט זיי ניט.

פאר דער צייט האט זיי לעאן דערצעהלט ווי אזוי ער איז אין שפאניען, א שווער־פערוואונדעטער נאך א בלוטיגער שלאכט, געבליבען ליגען אויפ'ן שלאכט־פעלד, און ווי עפעס איינע א פרוי איז געווען גערירט געווארען פון זיין יוגענד און פון זיין לאגע און האט איהם געראטעוועט פון א זיכערען טויט; ווי זי האט איהם צוגענומען צו זיך, ווי זי איז איהם ארום צערטליך ארומגעגאנגען. ער האט זיך שוין אנגעהויבען צופיהלען בעסער. נאר פלוצלונג איז אנגעקומען א מאן פון דעם שונא'ס חיל און ער איז געצוואונגען געווען צו פערלאזען זיין בעשיצערען, כדי ניט אריינצופאלען צו זיי אין די הענט. און ווען ער איז אנגעקומען קיין

באיאן, נאכדעם ווי ער איז אויסגעשטאנען טויזענד געפאהרען. האט איהם זיין אונרוהיגקייט ניט געלאזען זיך דערוווארטען ביז ער וועט אין גאנצען אויסגעהיילט ווערען. און ענדליך, מיד ווערענדיג פון וועג, האט עס געטראפען מיט איהם יענער אונגליקליכער צופאל, א דאנק וועלכען ער איז אויפגענומען געוואָרען מיט אזא איבערגעבענער פריינדשאפט. פון דער דערצעהלונג איז פאר עלענארען קלאר געווארען פאר וואס מען האט פון איהם די גאנצע צייט ניט געהערט.

X.

אויב ווער עס איז האט געהאט א רעכט זיך צו בעקלאגען אויף דעם נייעם גאסט איז דאס געווען די קליינע לעאנע; מען פלעגט איהר ניט צולאזען נאהענט צו זיין צימער, ווייל איהרע קינדערשע היימליבקייט וואלט אנגעמאכט א צו גרויסען טומעל. עלענארע פלעגט זיך כמעט ווי פארשעמען ביי דעם געדאנק, אז לעאן וועט איהר דערזעהן, אזוי ווי ער וואלט זיך געקאנט אנשטויסען וואס פאר אן אינטערעס דאס קינד דארף פאר איהם האבען, און לעאנע זייענדיג שטארק צוגעוואהנט צו דער מוטער, פלעגט איהר שטענדיג ארומזוכען.

איינמאל ווען די טיר פון קראנקענס צימער איז געווען האלב אפען, האט זי איהר לייכט א שטוים געטאן און האט אריינגעקוקט אין צימער. איהר שעהנינקע קעפעלע איהר שרעקעדיגער און נייגעריגער בליק איז גלייך געפאלען אויפ'ן פרעמדען, וועלכען זי האט נאך ניט געקענט. לעאן האט איהר דער ערשטער דערזעהן און האט אויסגעשריען א פאיוואונדעטער.

וואס איז עס פאר א וואונדערבארע קינד?

יענע איז שוין אַנטלאָפֿען. אַבער די מוטער ביי וועמען דאָס האַרץ האָט אַנגעהויבען קלאַפּען און אַ רויטקייט האָט זיך באַוויזען אויפ'ן געזיכט, האָט איהר צוריק גערופֿען. זי האָט איהר גענומען אויף די הענט און איהר אוועקגעזעצט ביי לעאַנען אויף די קניע.

אַ צורודערטער פון ערינערונגען און ניט קלאַהרע געפיהלען האָט ער מיט ליעבעגעקוקט אויף דער מיידעלע, האָט איהר צערטליך געגלעט און מיט אַ ציטעריגען קול געפרעגט ווי אַלט זי איז.

עלענאָרע האָט זיך פארלאָרען און מיינענדיג אַז ער פערשטעהט שוין אַלץ, האָט זי געזאָגט מיט אַ יאָהר מעהר.

„און איך האָב געמיינט אַז זי איז אינגער" — האָט לעאָן מיט אַ זיפץ געענטפערט און ער האָט זיך פערטראַכט.

דאָס קינד האָט שוין פארגעסען זיין שרעק, און האָט שוין מעהר ניט געוואָלט אַראָפּגעהן פון איהר נייעם פריינדס קניע. און ער, ווידער, האָט אויך ניט געקאָנט איהר דערווייטערן פון זיך.

„איך וועל אייך מוזען צושיידען". — האָט עלענאָרע געזאָגט, — „ווייל זעהענדיג אייער אויפרעגונג, הויבט שוין מיר אָן צו פאַרדריסען פאַר וואָס איך האָב איהר געבראַכט אהער."

„אָה, מיין טייערע, ווען איהר וואָלט געוואוסט אַלץ אַז וואָס זי דערמאַנט מיר".

„אַנעהמענדיג אייך פאַר דעם העלד פון זעהר אַן אינטערעסאַנטער פּאַסירונג, וועלכע איך קאָן ניט פארגעסען, קאָן איך זיך גאַנץ לייכט אַנשטויסען"...

„נו יאָ, דאָס בין איך טאַקע געווען, אַן אַבגענאַרטער, אַ פארשטויסענער פון יענער, וועלכע האָט, ווי מיר האָט זיך געדוכט, מיך אויסגעקליבען; געגען מיין אייגענעם ווילען געטריי

צו מיינע ערינערונגען, באדויער איך דעם פארבייגעלאפענעם שאטען, איך פארפאלג דעם אומזיסטען חלום: דאס בין איך. ווען עס האט זיך ניט איינגעגעבען צו שטארבען, און ווער עס וועט שוין מעהר קיינמאל ניט זיין גליקליך אין זיין לעבען".

לעאנארע האט קוים איהרע טרערען איינגעהאלטען.

— „אזוי! הייסט עס, אז איהר ליעבט איהר נאך אלץ"?

— האט זי ציטערענדיג געפרעגט.

„איך ווייס ניט, אויב איך ליעב איהר נאך: צו איך בין נאך אזוי שוואך אז איך זאל איהר נאך ליעבען; אבער איהרע צארטע רייד, די מינוטען, וועלכע איך האב פארבראכט מיט איהר, איהר שעהנקייט, אפילו איהרע קאפריזען, — דאס אלץ האט זיך שטארק איינגעקריצט אין מיין זכרון, זי האט אויסגעליידיגט מיין נשמה און האט אוועקגענומען דעם גאנצען צויבער פון מיין לעבען"...

— "אך"! — האט עלענארע אויסגעשריען א גערירטע ביז דער טיפעניש פון איהר נשמה — „אזא איבערגעבענקייט מוז באלוינט ווערען... גלויבט, אז ווען עס איז וועט זי א גערירטע און ענדליך א באזיעגטע קומען און וועלען פאריכטען איהר פעהלער און בעטען מחילה".

"קיינמאל ניט... אין פערלויף פון דריי יאהר האט אט די שטאלצע, נעפיללאזע פרוי ניט נעפונען פאר נויטיג צו שרייבען כאטש א פאר ווערטער. זי האט זיך אודאי אומגעקערט צוריק אהיים אין אינדיען, אין אמעריקא, — ווער ווייסט ? און איצט לאכט זי זיך נעווים אוים פון מיין נארישען גלויבען אין איהר... אך, ווי איך וואלט איהר געוואלט פערגעסען ! די לעצטע צייט פיהל איך, אז עס ווערט מעגליך פאר מיר און, עס קאן זיין — האט ער צוגעגעבען אויפגערעגט — אז דאס וועט פאסירען זעהר גיך".

„און איהר ועט אז איהר פארגעסען; לעאן"?

אט דיוועדטער זיינען ארויסגעזאגט געוואָרען מיט א טאן פון אזא צארטען פארוואורף, אז לעאן האט א קוק געטאן אויף איהר, איהרע אויגען זיינען געווען פארמאכט.

„אך מיין טייערע, — האט ער אנגעהויבען נאך א קורצען שווייגען. — ווי ליעב מיר איז אייער מיטגעפיהל! ווען זי וואלט געהאט אייער נשמה, אייער הארציגקייט, וואלט איך איצט גליקליך געווען... מיין טאכטער, מעגליך אזא וואונדערבאר שעהנע ווי אט די מיידעלע, וואלט איצט געזעסען, פונקט ווי זי, אויף מיינע קניע".

און אויפהויבענדיג זיין מידען בליק אויף עלענארען האט ער צוגעגעבען:

„איהר מוטער... לעבען מיר... א'זוי ווי איהר... א געאכטע...

„אט די ערינערונגען און אט די אויפרעגונג זיינען שטרענג פערבאטען" — האט לעאנארע ארויסגעזאגט מיט א ציטערדיגער שטים, ארויספירענדיג די מיידעלע. — „איך מוז אייך צושיידען..."

"ענטשולדיגט, איך האב זיך אויף א ווייל'ע פאר'חלום'ט. פאר וואס אזוי שנעל מיך אומקערען צוריק צו דער ווירקליכקייט".

ניט וואגענדיג אויסצוהערען ווייטער, איז עלענארע אוועקגעלאפען צוזאמען מיט איהר טאכטער און האט אלץ דערצעהלט מאדאם דע'זשערנאנסע.

פון יענער צייט אן האט די קלייניגקע לעאנע באזוכט דעם קראנקען אזוי אפט ווי די מאמע, ער פלעגט איהר שטענדיג רופען צו זיך און איז צו איהר שטארק צוגעבונדען געווארען.

דאס קינד פלעגט איהם רופען פריינד, פלעגט איהם האלזען און קושען. זי פלעגט שטענדיג וועלען זיין מיט איהם און

מיט דער מוטער. איהר נאאיווע צוגעבונדענקייט צו זייביידען פלעגט אפט ארייננווארפען עלענארען אין א שווערער אבער אנגענעהמער לאנגע, נאך וועלכער לעאן פלעגט ווערען נאך אור־מעטיגער און פארטראכטער.

פאר דער צייט האט זיך זיין געזונד פיעל פארבעסערט, די וואונד האט זיך פארהיילט. די צייט איז פאר איהם געלאפען אין גליקליכע מאמענטען, און עס האט זיך אנגערוקט דער ווינ־טער, דער מאנאט דעצעמבער.

מאדאם דע־זשערנאנסע, וועלכע האט שוין לאנג אנגע־הויבען צו ריידען פון איהר אפ־פארען, האט ענדליך געלאזט ווי־סען, אז מעהר קאן זי שוין ניט אפלייגען. און פלוצלונג האט לעאן ביי איהר אנגעהויבען צו בעטען אז ערלויבעניש איהר צו באגלייטען, זיין שמים האט זיך, קענטיג, געביטען פון דעם וואס ער האט זיך אנגעשטרענגט, ווען ער האט עס ארויסגעזאגט.

איבעראשט פון אזא פלוצלונגען באשלוס, האט מאדאם דע־ראזעלים אנגעהויבען פראטעסטירען.

„אך, מיין טייערע" — האט לעאן אויסגערופען — "ער־לויבט מיר אוועקצופארען, איך האב זיך שוין צו לאנג געקוויקט מיט את דעם געפערליכען גליק, וועלכער איז ניט פאר מיר. ער־לויבט מיר צו לויפען פון אייך, פון את דעם קינד, פון אייער הארציגער איבערגעבענקייט, פון את די שנעל פארבייגעלאפענע טעג; ערלויבט מיר ווידער זיך צוריקציהען אין מיין איינזאמ־קייט מיט וועלכער איך וועל שוין אייביג פארבלייבען".

— „מען דארף דאך אבער, ווייניגסטענס פרעגען דעם דאקטאר, אויב איהר זייט שוין אין גאנצען אויסער געפאהר..

עס זיינען דא געפאהרען פון וועלכע דער דאקטאר, מיט זיין גאנצען וויסען, קאן מיך ניט איינהיטען... מיין שיקזאל איז צו לויפען פון אלץ וואס מיר איז טייער, פון אלץ, וואס מיר

קאן געפעלען און שאפען א צובונד, אוועקצוגעהן פון דאנען איז פאר מיר קיינמאל ניט צו פריה...

„אויב אזוי, מיין טייערע, — האט על'ענארע געזאגט, זיך ווענדענדיג צו איהר פריינדין: — גיב איך איבער אין דיינע הענט מיין פארוואונדעטען ריטער, און דו וועסט פאר איהם מוזען זיין פעראנטווארטליך".

לעאן, אביסעל פערוואונדערט, וואס מען האט איהם אזוי לייכט אפגעלאזען, איז ארוים זיך צוגרייטען צו דער רייזע. על'ענארע האט איהם נאכגעקוקט מיט א שמייכעל.

„וואס מיינט עס. — האט אנגעהויבען מאדאם דע־זשער־נאנסע, קוקענדיג מיט פארדרוס אויף איהר. — „וואס זאל עס באדייטען, אט די נייע קאמעדיע? עס איז דאך קלאר, אז ער האט מורא איינצוליעבען זיך אין דיר, אז ער לויפט פון דיר. אויף וואס ווארסטו, פאר וואס זאגסטו איהם ניט ווער דו ביזט, און מאכסט ניט א סוף צו דיין אונזיניגען שפיעל? אדער פילייכט געפעלט דיר איהם נאך לענגער צו מאטערען"?

— „אך, מיין טייערע, ווי וואונדערבאר גוט עס איז צו זיין א קאנקורענטין צו זיך אליין, איך בין איהם צוויי מאל געפעלען געווארען, און אויף אזוינע פארשידענע אופנים! פול מיט געטרייקייט, ארענטליך און איבערגעבען, פול מיט גוטסר־קייט, לויפט ער פון מיר, כדי מיר ניט צו ווערן אונטריי. ער האט מיך געליעבט, און מיך אליין ליעבט ער בלויז, ווי גליקליך איך בין."

"און לעאן, דער ארימער לעאן! ווען וועסטו ענדליך, א טראכט טאן אויך פון זיין גליק? זאג איהם אוים ווער דו ביזט, על'ענארע, לאמיר פאהרען צוזאמען קיין פאריז. און דארט וועס־טו מיט איהם חתונה האבען. איך גלויב אז איצט האסטו זיך שוין מעהר ניט וואס צו שרעקען".

„ניין, איך האָב אַ פּלאַן: דו פאָהר אַוועק מיט איהם — און איך וועל אַרויספאָהרען גלייך נאָך אייך".

„עלענאָרע, עלענאָרע, ווידער אַ ראָמאַן, ווידער אַ פאַנטאַזיע!..."

— „מיין טייערע, אָט דעם איין מאָל נאָך! און דאָס וועט זיין דער לעצטער, איך שווער דיר".

— אין דעם מאָמענט איז אַריין לעאָן אַן אונרוהיגער, אַן אויפגערעגטער. אַלץ איז געווען פאַרטיג צו זיין אָבפאָהרען.

מאַדאַם דע־זשערנאַנסע, כאָטש אונצופרידען מיט איהר פריינדין, האָט איהר נאָך געמוזט נאָכגעבען און איז אַוועק זיך צוקלייבען צום אָפּפאָהרען. נאָר אין דעם מאָמענט פון געזעגענען זיך האָט זי דעם מוט פערלאָרען. עלענאָרע האָט מיט טרערען איבערגעגעבען איהר קראַנקען צו מאַדאַם דע־זשערנאַנסע, וועלכע האָט צוגעזאָגט צו האַלטען איהם ביי זיך און זיך צו זאָרגען וועגען איהם. לעאָן, אַ בלייכער, אַן ערנסטער, איז געשטאַנען לעבען דער קאַרעטע, און האָט נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל איבערגע'חזרט זיין דאַנק פאַר די פריינדליכקייט, וואָס מען האָט איהם אַרויסגעוויזען. ער האָט דאָ אָפּגעלאָזען פון זיך, און דאָ ווידער גענומען אויף די הענט דאָס קינד וואָס האָט געוויינט, זעהענדיג אַז דער פריינד פאָרט אַוועק.

מאַדאַם דע־זשערנאַנסע איז צוגעגאַנגען צו עלענאָרען.

„דו האָסט נאָך צייט" — האָט זי שטיל געזאָגט.

נאָך אַ ווייל פון נאָכטראַכטען האָט מאַדאַם דע־ראַזועליס ענדליך געענטפערט:

— „ניין, איך האָב בלויז איין מיטעל ווי אַזוי צו מאַכען מיין שווערע ערקלערונג".

דאַן, האָט מאַדאַם דע־זשערנאַנסע אַ ציה געטאָן לעאָנען

און זיי האָבען זיך ביידע אריינגעזעצט אין קארעטע, וואָס האָט זיך א ריהרגעטאָן און איז באלד פערשוואונדען פון די אויגען.

XI.

זיך אומקערענדיג צוריק צו איהר איינזאַמקייט, האָט עלע־נאָרע דערפיהלט אז זי קאָן עס מעהר ניט אויסהאַלטען; בלויז דער גליק וואָס זי האָט אַקאָרשט איבערגעלעבט וואָלט איהר געקאָנט בארוהיגען, און ביי איהר איז קיין אנדער פארלאַנג ניט געוועזען ווי נאָר וואָס שנעלער אַנצוזאָגען איהר פריינדין און יענעם אויך וועמען זי האָט שוין געקוקט ווי אויף איהר מאַן.

אין א וואָך ארום נאָך זייער אָפּפאָהרען איז זי אריינ־געפאָהרען מיט איהר טאָכטער אין איהר פאַריזער הויז, קיינעם ניט מעלדענדיג דערפון. זי האָט בלויז אָנגעזאָגט צו מאַדאַם דע־זשערנאַנסע פון איהר קומען.

נאָך א לאַנגען געשפרעך, אין וועלכען עלענאָרע האָט איהר ערקלערט דעם פּלאַן וואָס זי האָט אויסגעטראַכט, ווי אזוי אויס צוזאָגען לעאָנען ווער זי איז, האָט זיך איהר ענדליך איינגעגעבען צו קריגען איהר פריינדין'ס צושטימונג, און איהר הילף דורכצופיהרען דעם פּלאַן וואָס האָט איהר גרויס פרייד פערשאַפט. זיי זיינען זיך צוגאַנגען, אויסארבייטענדיג גענוי ווי אזוי יעדע פון זיי דאַרף האַנדלען.

עס האָבען זיך נאָר וואָס אָנגעהויבען די בעלער אין זאַל „אָפּערא„: און איינמאַל האָט זיך מאַדאַם דע־זשערנאַנסע גע־ווענדט צו לעאָנען מיט א ביטע, אז ער זאָל איהר באַגלייטען אהין. אין אָנהויב האָט ער זיך, געגען איהר ערוואַרטונג, ענט־שידען אָפּגעזאָגט. ער האָט מעהר ניט געקאָנט פאַרטראָגען דעם

פלאץ, וואו ער האט זיך פארדרעהט אין אן אוואנטיורע, וועל־כע האט געלאזען א ווירקונג אויף זיין גאנצען לעבען. ער האט זיך דאס ווארט נעגעבען מעהר קיינמאל אהין ניט צו געהען.

מאדאם דע־זשערנאנסע איז אבער צו איהם צוגעשטאנען. זי האט איהם געבעטען צו זיין איהר באגלייטער בלויז אין יענעם מאמענט, ווען איהר וועט זיך איינגעבען צו טרעפען דאר־טען איינעם אן אויסלענדער, וועלכער דארף אהין קומען און וועלכען זי וויל אינטריגירען. לעאן, וועלכער האט אין קיין זאך ניט געקאנט אפזאגען די פריינדין פון מאדאם דע־ראזעלים האט ענדליך צוגעשטימט או מיט א קלאפענדיגען הארצען איז ער אוועק.

באלד ווי זיי זיינען אריין אין זאל האט איהם ארומגע־כאפט א געוואלדיגע אונרוהיגקייט: טויזענדער עראינערונגען האבען אין איהם ווידער אויפגעלעבט.

מאדאם דע־זשערנאנסע איז מיט איהם עטליכע מאל דעם זאל דורכגעגאנגען און נאכדעם האט זי זיך פלוצלונג צוזעגענט מיט איהם און איהם איבערגעלאזען, מאכענדיג דעם אנשטעל אז זי האט דערזעהען יענעם, וועמען זי האט געזוכט.

אבער ווי נאר זי איז אוועק, האט ער דערהערט גאנץ נא־הענט פון זיך א שטים, וועלכע, ניט קוקענדיג אויף דעם גע־מאכטען טאן, האט איהם נעמאכט אויפצושוידערן.

— „אט ביי וואס איך האב אייך געכאפט, פאררעטער וואס איהר זייט, ניט מיך זוכט איהר ארום אויפ׳ן באל אין זאל פון דער אפערא!“

ער האט זיך אומגעקוקט און וועמען האט ער דערזעהען לעבען זיך? — זיין אונבעקאנטע. די ווייסע קלייד, די מאסקע, אלץ, ביז דער בריליאנטענער בראש, וועלכע האט נאך דאמאלט געצויגען זיין אויפמערקזאמקייט, אלץ איז געווען דאס זעלבע.

— „דאס איז זי“! — האט ער אן אויפגערעגטער אויסגע־שריען, אנכאפענדיג איהר אונטערן ארעם.—„ווי? איך האב אייך ווידער געפונען... איך זעה אייך, איך האלט אייער האנט! מיט וואס פאר א וואונדער?“

— „צו וואס זיך אזוי וואונדערן? דו ווייסט דאך מיין פעהיגקייט צו שאפען נסים“.

„א, אמת. דאס איז אלץ, וואס איך האב ווען עס איז גע־וואוסט פון אייך“.

— „דאס פערגאנגענע איז נאך גארניט, דו וועסט נאך דער־זעהען גאר עפעס אנדערש; דו ביזט ווידער אין מיין מאכט, דו דארפסט זיך צוגרייטען צו אויסערגעוועהנליכע איינדריקע, דיין שיקזאל איז באשטימט, און דו וועסט אין קורצען עס וויסען“.

אין דער צייט, וואס זי האט גערעדט איז די פרייד וואס איז ארויסגערופען געווארען אין לעאן'ס נשמה דורך איהר אנווע־זענהייט פארוואנדעלט געווארען אין א פערדרוס. ער האט זיך געפיהלט טיף באליידיגט פון אט דעם לייכטען, באפעלענדען טאן נאך א דריי יאהריגען שווייגען, און פיעלע אנדערע באליידי־גונגען, פאר וועלכע זי האט געדארפט בעטען ביי איהם ענטשול־דיגונג. אלץ וואס ער האט געטראכט פון איהר צום שלעכטען פאר דער גאנצער צייט איז איהם אויף איינמאל אין קאפ אריין.

ער האט זיך אפגעשטעלט.

„אלזא מאדאם“ — האט ער קאלט אויסגערעדט, — וואס ווילט איהר פון מיר? וואס האט איהר שוין ווידער צוגעגרייט? וואס איז דער נייער מיטעל מיט וועלכען איהר ווילט מיך ווידער אפנארען?“

—„אך, ווי א מענש קאן זיך דאס איבערבייטען אין דריי יאהר! און דאס איז דער זעלבער לעאן, דער צארטער, דער וויי̇כער, וועלכער האט אויף דעם זעלבען פלאץ פייערליך געשווא־

דען צו זיין אונטערטעניג און געהארכזאם."

"אויב איך האב זיך געענדערט, טו וועמען דארפט איהר באשולדיגען אין דעם, איהר גרויזאמע? צו דען זייט עס ניט איהר געוועזען וואס האט מיר געמאכט פאר אן אנדערן? צו האט איהר מיך ניט.אפגענארט דורך יענע אלע צויבער מיטלען געגען וועלכע דאס שטארקסטע מענשען־הארץ קאן ניט בייי־שטעהן און נאכדעם מיך אומרחמנות'דיג פארשטויסען, אפילו אהן געוויסענביסע? און צו האט איהר זיך ניט צופריעדענגע־שטעלט מיט דעם, וואס איהר האט מיך געלאזען פארזוכען יענעם גליק, וועלכען איהר האט ביי מיר נאכהער צוגענומען און לאזט מיך שוין דריי יאהר ארומגעהן אן אומעטיגער און פארגעסע־נער?"

— "לעאן, איהר זייט צו שטרענג, איך בין איצט מיט אייך, איך וויל אויסקויפען מיין שולד, און אומקערען אייך דאס גליק, נאך וועלכען איהר בענקט."

"אך! ווי אזוי קאן איך גלויבען אייערע ווערטער? עס קען דאך מעגליך זיין, אז איהר וועט באלד פערשווינדען פון מיינע אויגען, ניט איבערלאזענדיג נאך זיך קיין אנדער שפור, אויסער דעם ווייטאג, וועלכען איהר פערשאפט מיר. עס קען זיין, אז איהר גרייט שוין ווידער צו פאר מיר עפעס א נייע פאסטקע"...

זיהאט איהם איבערגעריסען און צערטליך ארויסגעזאגט:

— "ניין, איך האב מעהר קיין פאסטקע און קיין סודות ניט . . . אך, לעאן איך האב דאך אויך געליטען... אבער לא־מיר פארגעסען יענעם אונזין, יענע ליידען — זיי זיינען שוין מעהר ניטא, אנערקענט און נעמט אן ענדליך אייער פרוי".

"איהר האט עס דאך ניט געוואלט"...

— "יא, עס איז געוועזען מיין שולד, איך וויל אבער ווידער

געווינען אייער ליעבע"...

איהר האט פארנאכלעסיגט יענע ריינע, שטארקע ליעבע צו אייך, אויף וועלכער עס איז פעהיג געווען מיין הארץ. צוליב וואס פאר א נייעם קאפריז פאדערט איהר עס איצט פון מיר? זייט איהר זיכער, אז איהר וועט עס נאך געפינען? פאר וואס עפעס דארף איך טראגען אזא אונזיניגע לײדענשאפט צו א פערזאן וואס האט מיך אוועקגעווארפען? ווער האט אייך געזאגט אז איך בין פארבליבען דער זעלבער ווי געווען; אז איך וועל פון מיין זייט ניט צוריקווייזען יענע שטריק, וועלכע זיינען אייך גע־ווען אזוי פארהאסט און אז מיר איז ניט טייער מיין אונאבהענ־גיגקייט? מיר האט דאך עס ניט געקאסט אזוי טייער ווי אייך" . . .

אט די שארפע ווערטער האבען עלענארען אויפגעטריי־סעלט ביז דער טיפעניש פון איהר נשמה. יענע פרייד מיט וועל־כער זי איז געגאנגען צום באל, איז פערשוואונדען. אונטער די קלעפ פון דער שטרענגער גערעכטיגקייט, פון די אונערווארטעטע באשולדיגונגען, פון די ערנידערונגען, האבען איהר דער מוטה און די כחות פערלאזען:

ווען לעאן האט דערזעהען אז זי האלט זיך קוים אויף די פיס, האט ער איהר צוגעפיהרט צו א באנק און האט זיך אוועקגעזעצט לעבען איהר. עס האבען זיך ביי איהר טרערען באוויזען און עס איז איהר גרינגער געווארען.

„אך, ענטשולדיגט, איך קאן אייך ניט פארשטעהן. און ווי פארדריסט עס מיר פאר מיין גרויזאמקייט! צו דען אבער האב איך געקאנט ערווארטען פון אייך א וועלכען ניט איז גע־פיהל צו מיר, נאכדעם ווי איהר האט מיר אזוי פיעל גלייכגיל־טיגקייט ארויסגעוויזען"?

ער האט איהר געבעטען אראפצונעהמען די מאסקע און

איהם ערלויבען איהר צו באגלייטען אהיים. זי איז גרייט געווען נאכצוגעבען און איהם ווייזען איהר געזיכט, וואס וואלט ביי איהם זיין גאנצען כעס אוועקגענומען. אבער די מורא פאר א סצענע וואס וואלט געצווינגען אלעמענס אויפמערקזאמקייט און דער פערלאנג איהם נאכאמאל אויסצופרובירען האבען איהר פון דעם אפגעהאלטען. זי האט מיט דער מאסקע איהרע אויגען מעהר פארשטעלט, און מיט א שטים מיט וועלכער זי האט נאך קיינמאל צו איהם ניט גערעדט, האט זי טרויריג געזאגט:

— „באגלייטען מיך? ניין. ניט איצט איז די צייט. איהר האט מיך אויסגעלערענט קלוג צו זיין... אראפנעהמען די מאסקע? צוליב וואס ווילט איהר זעהען יענע, וועמען איהר ליעבט שוין מעהר ניט? איך ווייס די אורזאך פון אייער קאלט־קייט, איך ווייס וואו איהר זייט געווען פאר דער צייט פון אייער קראנקהייט און ווער עס איז ארום אייך ארומגעגאנגען".

—"אויב אזוי, ווייסט איהר דאך, — האט לעאן געזאגט מיט אן ערנסטען טאן, — אז מיין בעציהונג קאן ניט זיין קיין צארטע און מיין ענטציקונג קיין צו ברענענדיגע. אמת, איך לייקען עס ניט. זייענדיג דריי מאנאטען די איינציגע זארג פון א פרוי, וועמעס שעהנקייט איז נאר איהר קלענסטע מעלה, וואס איז אזוי פיין און איהרע געפיהלען און קלוג, א פרוי וואס פאראייניגט אין זיך באשיידענע ווירדע און הארציגע גוטסקייט — צו דען האב איך געקאנט ניט אבשאצען אט די טייערע איינענשאפטען? און צו דען וועל איך קאנען ניט דער־מאנען איהר שטענדיג?"

עלענארע האט זיך גוט איינגעהערט צו דעם וואס ער זאגט, און זי איז געווען איבערגליקליך. זי האט דערפיהלט, דאס ניט קוקענדיג אויף אלע איהרע אנשטרענגונגען, וועט זי זיך דאך ארויסגעבען, אויב זי וועט פארבלייבען מיט איהם נאך א מי־

נוט. דעריבער האט זי זיך גלייך אויפגעהויבען:

— "זייט גליקליך" — האט זי איהם געזאגט, — "אייער גליק וועט זיין מיין גליק... איך וועל מיט אייך מעהר ניט רייד דען וועגען מיר... איך פאדער מעהר גארניט. איהר זייט פריי. אבער אפשר ווילט איהר וועניגסטענס, זעהען אייער טאכטער"?

„צו איך וויל! צו דען קאנט איהר נאך צווייפלען אין דעם"?

— „אויב אזוי קומט מארגען פרישטיקען צו מיר. — וועט איהר זי זעהן".

זי האט איהם געזאגט וואו זי וואהנט, אבער איהר נאמען האט זי איהם ניט געגעבען.

„איך וועל אנזאגען וועגען אייער קומען מיין דיענער. ער וועט אייך אריינפיהרען".

זי איז אוועק א צורודערטע, פון דאס אלץ, וואס עס איז פארגעקומען.

„וואס וואלט געווען מיט מיר"? — האט זי מיט שרעק א טראכט געטאן, — „וואס וואלט געווען מיט מיר, אויב די געלעגענהייט וואלט מיר ניט געגעבען די מעגליכקייט דורך אן אנדער בעציהונג צו געווינען זיין אכטונג און זיין ליעבע"?

XII.

לעאן פון זיין זייט האט פערבראכט די נאכט אין גרוים אויפרעגונג.

ענדליך האט ער ווידער געפונען דאס, וואס ער האט אזוי לאנג ארומגעזוכט. ענדליך וועט ער איהר קאנען זעהן ער וועט זעהן זיין טאכטער, וועמעס אויסזעהן ער האט אזוי אפט גע־

זוכט אויסצומאלען אין זיין פאנטאזיע! עס קאן מעהר קיין צווייפעל ניט זיין, אז מען וועט איהם ניט אפזאגען אין זיין רעכט צו זיין א מאן און א פאטער! ענדליך וועט ער הערען, ווי מען וועט איהם רופען מיט נייע, ליעבע נעמען.

צו דערזעלבער צייט האט ער זיך דערמאנט .ין מאדאם דע־ראזעלים און אן איהר אויסזעהן. און דער פערגלייך צווישען זייביידען איז ניט געווען צו גונסטען פון דער אונבעקאנטער. ווארום וואס פאר א פרוי וואלט געקאנט אין זיינע אויגען זיך פערגלייכען מיט עלענארע׳ן?

אויף מארגען איז ער אויף דעם אנגענעבענעם אדרעס גע־קומען צו דער באשטימטער צייט, און דאס ערשטע געזיכט, וואס איהם האט זיך א ווארף געטאן אין די אויגען, איז געווען יענער נעגער, מיט וועלכען עס זיינען ביי איהם געווען פער־בונדען אזוי פיעל ערינערונגען.

דער נעגער האט איהם דורכגעפיהרט דורך א רייהע שעה־נע צימערען, ביז ער האט איהם געבראכט צו א טיר, וועלכע ער האט געעפענט און געלאזט וויסען וועגען ה׳ דע־פרעוואל׳ס קומען.

לעאן איז אריינגעקומען און ער האט זיך דערזעהן אין א בודואר וואס האט איהם גלייך דערמאנט אין יענעם צימער וועלכען די דריי פארגאנגענע יאהרען האבען ניט געקאנט אפ־ווישען פון זיין זכרון. די אילוזיע האט נאך פארפול געמאכט. א פרויען פיגור אויף א זאפע אין דער זעלבער פאזע און פונקט אזוי אנגעטאן ווי דעמאלט, אויף די קניע ביי איהר, איז גע־זעסען א קינד.

ווען לעאן איז צוגעקומען נעהענטער. — האט זי זיך אומ־געקערט צו איהם.

„וואס זעה איך? — האט לעאן אויסגערופען — עלע־

נארע! איז דען מעגליך אזא גליק!... אך, אויב דאס איז א גרויזאמער שפּיעל, — הערט עס אויף, ווייל איך וועל אויס־געהן דא פאר אייערע אויגען".

אין דעם אויגענבליק האט די קליינינקע לעאנע זיך א ווארף געטאן אין זיינע ארעמס, צייגענדיג איהם די אנדערע העלפט פון רינג וואס איז געהאנגען אויף איהר האלז.

— „ליעבער לעאן", — האט זי געזאגט מיט קינדערשער ליעבליכקייט, — קאנסטו פארריכטען מיין רינג"?

ער האט א קוק געטאן אויף איהר, האט א געשריי געטאן און פון אויפרעגונג און פון גרויס פרייד, האט ער זיך געמוזט צוזעצען און ער האט ארויסגעזאגט מיט א שוואכע שטים:

„עלענארע... טאכטער מיינע"...

עלענארע האט זיך געזעצט לעבען איהם, מיט איין האנט האט ער איהר ארומגענומען און מיט דער צווייטער האט ער געהאלטען דאס קינד אויף די קניע. זיי האבען א קוק געטאן איינער אויף דעם אנדערען, און טרערען האבען זיך א גאס געטא פוןביידענס אויגען. זיי האבען ניט געקאנט געפינען קיין ווערטער אויסצודריקען זייערע געפיהלען.

ענדליך האט עלענארע צערטליך איהר האנט ארויפגעלעגט אויף איהר געליבטען'ס שולטער און האט אנגעהויבען:

"אט איז דיין טאכטער, און דיין אונבעקאנטע, דיין גע־ליעבטע, דיין פריינד, דיין זארגפעלטיגע וועכטערין וועט פון איצט אן זיין איהר מאמע און דיין גליקליכע פרוי. פארגיב מיר לעאן, פארגיב מיר פאר אלע ליידען, וואס איך האב דיר פער־שאפט, פאר יענע משוגעת'ן, פון וועלכע איך האב אליין אויך געליטען. דאס איז געוועזן דאס ערשטע מאל און אויך דאס לעצטע. די שטאלצע, לייכטזיניגע אונבעקאנטע האט נעכטען אויפ'ן באל געקראגען אזא לעקציע, וועלכע דיין פרוי וועט קיינ־

מאָל ניט פאַרגעסען.

"אַך, פאַרגיב מיר אויך דו — האָט לעאַן אויסגערופען. — פריינד מיינס, קינד מיינס, מיינע טייערע באַשעפענישען נאָך וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק געביינקט, און זיך באונרוהיגט, — אַך, ווי רייסט זיך מיין האַרץ אייך צו באַגליקען פאַר די דריי יאָהר וואָס זיינען אוועקגענומען געוואָרען פון מיין ליעבע.

אין דעם מאָמענט איז אריינגעקומען מאַדאַם דע־זשער־נאַנסע און זי האָט אַ לעבעדיגען, פריינדליכען אַנטייל גענומען אין די פריידען פון דער גליקליכער פאַמיליע. נאָר מיט איהר שטענדיגער פאַרזיכטיגקייט און באַרעכענטקייט האָט זי געזאָגט:

— „איצט וועסטו צוגעבען, עלענאָרע, אַז ווען דו וואָלסט ניט אַראָפּ פון וועג, וואָס איז אָנגעצייכענט געוואָרען דורך די פליכטען און געזעצען פון דער געזעלשאַפט, וואָלסטו שוין לאַנג דערגרייכט דעם גליקליכען צוועק און דו וואָלסט פאַרמידען פאַר אייך ביידען דאָס דריי־יאָהריגע ליידען."

— „לאָמיר מעהר דערפון ניט ריידען" — האָט געזאָגט מאַדאַם דע־ראַזעליס, איהר אַרומנעהמענדיג, — „פריינד מיי־נע, לאָמיר מעהר דערפון ניט ריידען. אָט אין וואָס איך בין איצט פאָלשטענדיג איבערצייגט: אַז בלויז אָפּפערענדיג איהר איי־גענעם גליק, קאָן אַ פרוי זיך באַפרייען פון יענע קייטען, וועלכע ווערען אויף איהר אַרויפגעלעגט דורך איהר אייגענעם געשלעכט.

לא גראנד ברעטעש.

ג

— „אַ, מאַדאַם“ — האָט געענטפערט דאָקטאָר האָראַס ביאַנשאָן צו דער דאַמע, אין וועמעס הויז ער האָט געגעסן אָבענט־ברויט. — „עס איז אמת, אַז איך האָב אַ סך שרעקליכע געשיכטען אין מיין רעפּערטואַר: אָבער יעדע געשיכטע האָט איהר פּאַסענדע שעה פאַר אַ געשפּרעך; ווי זאָגט שאַמפאָרד אין נאָמען פון פירשט דע פאָנסאַק: „עס ליגען צעהן פלעשער שאַמ־פּאַניער צווישען אייער וויץ און דעם איצטיגען אויגענבליק“.

„אָבער עס איז שוין נאָך האַלבע נאַכט, וואָס פאַר אַ בע־סערע צייט וואָלט איהר געקאָנט האָבען?“ — האָט געזאָגט די בעל הבתי'טע פון הויז.

„יאַ, דערצעהלט אונז, הער ביאַנשאָן“ — איז צוגעשטאַנען די פאַרזאַמעלטע געזעלשאַפט.

ווען דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ צייכען, אַז ער גיט נאָך, האָט אַ שטילקייט זיך איינגעשטעלט.

— „אַרום אַ הונדערט מעטער פון וואַנדאָם“ — האָט ער געזאָגט — „אויף די ברעגעס פון לאָאַר, שטעהט אַן אַלטע, ברוינע הויז באַדעקט מיט זעהר אַ משופּעדיגען דאַך, און אַזוי אָפּגעזונדערט, אַז עס איז ניטאָ אין איהר שכנות דער שלעכטער רח פון גאַרבאַרנע, אָדער די אָרימע קרעטשמע, ווי דו זעהסט עס אָפט ביים אַריינפאָהר אין קליינע שטעדטלאַך. אין פאָרענט

פון דעם הויז איז פאראן א גארטען, וואס ציהט זיך צום טייך; די קוסטעס וואס זיינען פארפלאנצט ביי די אלייעס, וועלכע זיינען פריהער געווען זארגפעלטיג ארייגגעשניטען, שניידען זיך איצט דורך די אלייעס און שפרייטען זיך פאנאנדער ווי ווייט זיי פארוועלט זיך. אייניגע ווערבעס מיט זייערע ווארצלען אין דער לאאר זיינען שנעל אויסגעוואקסען, ווי די ארומיגע ביימלאך, און צוזאמען האלטען זיי דאס הויז האלב באהאלטען. פלאנצונגען, וועלכע מיר רופען אומקרויט, באפוצען די ברעגעס פון טייך. פרוכטבוימער, פארלאזען זייט א רייה פון יאהרען, ברייגען מעהר קיין פרוכט ניט און זייערע שפראצונגען און צווייגען האבען זיך צוזאוואקסען ארום זיי. די בוימער ארום הויז זיינען ווי א וואלד. די וועגען, פריהער באשאטען מיט שטיינדלאך, זיינען איצט באוואקסען מיט גראז, אזוי, אז, באמת גערעדט, זיינען קיין וועגען גאר ניטא.

„קוקענדיג פון שפיץ בארג, אויף וועלכען עס הייגגען די חורבות פון אלטען וואנדאם־שלאס (דעם איינצעלנעם פונקט פון וואנעט מען קאן אראפקוקען אין דעם איינגעצאמטען ארט), זא־גען מיר צו זיך אליין, אז אין אמאליגע צייטען — געגוי ווען איז איצט שווער צו באשטימען — האט אט דער ווינקעל פון דער ערד געמוזט זיין א פיירד פאר עפעס א הערן, וואס האט זיך אפגעגעבען מיט ראזען און טיולפאנען, אדער בכלל מיט פלאנצונגען, און וואס האט מעהר ווי אלץ, באזעסען א גר־טען געשמאק פאר שעהנע פרוכט. איין בוים, ריכטינער געזאגט, די שיריים פון א בוים, שטעהט נאך, און אונטער איהם — א טיש, וועלכען די צייט האט נאך ניט אין גאנצען צעשטערט.

„פון דעם אנבליק אויפ׳ן גארטען, וואס איז שוין מעהר קיין גארטען ניט, קאן מען שליסען וועגען די שאטען־זייטען פון דעם פארגנייגענדען לעבען אין דער פראווינץ: פונקט אזוי ווי מיר

פאנעז שליסעז וועגעז דעם לעבעז פוז וועלכעז עס איז א חשובן מענשעז פוז דער אויפשריפט אויף זיין מצבה. כדי פול צו מאכעז די אומעטיגע און צערטליכע געדאנקעז איז פאראז אויפ׳ן וואנט א זון־זייגער, וועלכער טראגט אן אויפשריפט: „טראכט וועגעז סוף!" די דעכער זיינעז איינגעפאלעז, די לאדעז — שטענדיג פארמאכט, די באלקאנעס זיינעז פול מיט נעסטעז פוז שוואלבעז. די טויערן — פארשלאסעז. הויכע קרייטאכער און גראזעז קריכעז ארוים פוז די שפאלטעז און ריסעז פוז דער שטיינערנער וועראנדע; די שלעסער זיינעז פאראסט; זון און לבנה, זומער און ווינטער און שניי האבעז צוגעסעז דאס האלץ, האבעז אויסגעקרימט די פארקאנס און אפגעמעקט די פארב. די פינסטערע שטילקייט ווערט ניט אונטערבראכעז פוז קיינעם, מיט אויסנאם פוז פייגלאך, קעץ, מארדערס, ראצעז, מייז, וואס זיינעז אלע פריי צו לויפעז, צו שפרינגעז, צו פליהעז און איינע די אנדערע אויפצועסעז.

„א געהיימע האנט האט איבעראל אויפגעשריבעז דאס ווארט „מיסטעריע". אויב, געטריבעז פוז נייגעריגקייט, וואלט איהר א קוק טאז אויף די הויז, ווענ איהר אויף די זייט צום וועג צו דערזעהן א ברייטעז טויער מיט א געוועלב־שפיץ, אין וועלכעז די קינדער פוז ארום האבעז געמאכט גרויסע לעכער. דער טויער איז, ווי איך האב שפעטער געהערט, שוין צעהן יאהר ניט געווען באנוצט. דורך די לעכער קאנט איהר זעהן וואס פאר א פאלשטענדיגע הארמאניע עס הערשט צווישעז דער זייט פוז גארטעז און דער הויף־זייט. די זעלבע פארלאזענקייט איבעראל. ליניעס פוז גראז האבעז ארומגערינגעלט די ברוקשטיינער. געוואלטיגע שפאלטעז שניידעז דורך די ווענט, וועמעס פארשווארצטע דאך־רינעס עס זיינעז פול באוואקסעז מיט ווילדע קרייטאכער. די טרעפ פוז ווערצנדע זיינעז צעפאלעז, די שטריק פוז

גלאק איז צופוילט, די קאנאוועס — צעפאלען. וואס פאר א פייער פון הימעל איז דא אראפגעפאלען? וואס פאר א געריכט האט פאר׳משפט אט די וואהנונג? האט מען דא גאט געלעסטערט? האט מען דא פראנקרייך פאראטען? דאס זיינען די פראגען וואס מען פרעגט זיך שטעהענדיג דא; די קריכענדיגע ברואים וואס דרעהען זיך ארום אייך, גיבען ניט קיין ענטפער.

„אט די ליידיגע און פארלאזענע הויז איז א פאלשטענדיגע רעטעניש אויף וועלכע קיינער וויים ניט קיין ענטפער. עס איז פריהער געווען א פריצישע גוט, וואס האט געהייסען „גראנד ברעטעש". אין דער צייט, וואס איך האב פארבראכט אין וואנדאם, וואוהין מען האט מיך געשיקט אויפצופאסען אויף א רייכען פאציענט, איז דאס אנקוקען פון דעם משונה׳דיגען הויז געווען איינעם פון מיינע שטארקסטע פארגניגענס. עס איז געווען בעסער ווי א חורבה. א חורבה באזיצט ערינערונגען, באשטימטע ערינערונגען; אבער די וואהנונג וואס האט זיך נאך געהאלטען, כאטש ביסלאכוויז צעשטערט געווארען, האט אין זיך ענטהאלטען עפעס א סוד, עפעס א געהיימניספולען געדאנק — עס האט אמווייניגסטענס אנגעוויזען אויף א זאנדערבארען קאפריז.

„מעהר ווי איין מאל אין אבענט האב איך אריבערגעשפרונגען די קוסטעס, וואס האבען געהיט דאס גאנצע שטיק לאנד. איך האב זיך אנגעקליבען מיט מוט, און האב שפאצירט איבער׳ן גארטען וואס האט קיין בעל־הבית ניט, דאס אייגענטום, וואס איז ניט קיין קהל׳שע און ניט קיין פריוואטנע; שטונדען לאנג בין איך געשטאנען דארט און באטראכט די פוילעניש. ניט אפילו כדי זיך צו דערוויסען די געשיכטע, וואס ליגט פארבארגען אין דער זאנדערבארער זאך, וואלט איך ניט געשטעלט קיין איינצעלנע פראגע צו ווען עס איז פון די ארטיגע לייט. שטעהענדיג דארט האב איך אויסגעטראכט צוי־

בער־מעשות, איך האב זיך געלאזט פארפיהרען פון דער מעלאנכאליע, וואס האט מיך איבעראשט. ווען איך וואלט געוואוסט די אורזאך, פיליכט א גאנץ געוועהנליכע, פון דער זאנדערבארער פארוויסטונג, וואלט איך פארלארען די ניט־געשריבענע פאעמען מיט וועלכע איך האב זיך אליין פאר׳שכור׳ט. אין מיר האט דאס הייליגטהום ערוועקט די פארשידענסטע פארשטעלונגען וועגען מענשליכען לעבען, וואס איז פארפינסטערט מיט טרויער: אמאל איז עס געוועזן א קלויסטער מיט מאנאשקעס: אמאל איז עס געוועזן א בית עלמן מיט זיין רוה און פרידען, אבער אהן די טויטע וואס ריידען צו אייך דורך די אויפשריפטען אויף די מצבות; היינט איז געוועזן די הויז פון א מצורע, מארגען פון עפעס אן אריסטאקראט; אבער איבער אלץ איז עס געוועזן די פראווינץ מיט איהרע געזעצטע אידעען און מיט איהר זארט לעבען אונטער א גלאז.

„איך האב דארט אפט געוויינט, קיין מאל ניט געלאכט. מעהר ווי איין מאל האט מיך ניט ווילענדיג אנגעכאפט א שרעק, ווען איך האב געהערט איבער מיין קאפ פארבייפליהענדיג דאס פארשטיקטע זשומען פון א ווילדער טויבס פליגעל. דער גרונט איז נאס; מען מוז זיין פארזיכטיג געגען עקדישן, שלאנגען, זשאבעס, וועלכע וואנדערן ארום מיט דער פרייהייט פון דער ווילדער נאטור; און, ועל כולם, טאר מען ניט מורא האבען פאר קעלט, ווארום עס זיינען דא מאמענטען, ווען דו פיהלסט אז א מאנטעל פון אייז לעגט זיך ארויף אויף דיינע פלייצעס, ווי די האנט פון קאמאנדאר אויף די פלייצעס פון דאן זשואן. איין אבענט האט מיך א ציטער פארכאפט; דער ווינט האט אונטערגעכאפט און איבערגעדרעהט א פאראסטעטען וואגען; זיין סקריפ איז געוועזן ווי א קרעכץ וואלט זיך געהערט פון הויז; און דאס איז דערצו נאך געשעהן אין א מאמענט,

ווען איך האב אקארשט געהאט געענדיגט א שווידערליכע דראַ־
מא, דורך וועלכע איך האב זיך ערקלערט דעם מצבה־טרויער
פון דער סצענע.

II.

„יענעם אבענט האב איך זיך אומגעקעהרט אין מיין
אכסניא מיט זעהר טרויעריגע געדאנקען. ווי נאר איך האב אפ־
געגעסען אבענט־ברויט, איז די בעל־הבית'טע אריין אין מיין
צימער מיט עפּעס א מיסטעריעזען אויסזעהן און האט געזאגט
צו מיר: „מיין הער, הער רעגנאַל איז דא“.

— „ווער איז הער רעגנאַל?“

„צו איז מעגליך אז דער הער קען ניט הערן רעגנאַל. ווי
לעכערליך!— האט זי געזאגט, פארלאזענדיג דעם צימער.

„פּלוצלונג האב איך דערזעהן א הויכען, מאגערן מאן, אנ־
געטאן אין שווארץ, האלטענדיג זיין הוט אין האנט, וועלכער
האט אויסגעוויזען ווי א באק, וואס קלייבט זיך א שפרונג צו טאן
אויף א געגנער: ער האט מיר געוויזען א צורונצעלטען שטערן,
א קליינעם, שפּיציגען קאפּ און א שווארץ־בלויע געזיכט, ווי פון
א מין בלאטיגע וואסער. איהר וואלט איהם געקאנט אננעמען פאר
א שמש ביי א גלח. אט דער אומבאקאנטער פארשוין האט גע־
טראגען אן אלטען מאנטעל, שוין שטארק אפּגעטראגען ביי די
פאלדען; אבער ער האט געהאט א דימענט אין דעם קרייז פון
זיין העמד און גאלדערנע אוירינגלאך אין די אויערן.

— „מיין הער, מיט וועמען האב איך די עהרע צו ריידען?“

— האב איך געזאגט.

„ער האט גענומען א שטול, האט זיך אוועקגעזעצט ביי מיין
פייער, האט אוועקגעלייגט די הוט אויף מיין טיש און האט גע־

ענטפערט, רייבענדיג די הענט: „א! עס איז זעהר קאלט. מיין הער, איך בין הער רענגאל."

„איך האב זיך פארנייגט.

„איך בין — האט ער געזאגט — „דער נאטאריוס פון וואנדאם".

— „שטארק צופרידען, מיין הער" — האב איך געענטפערט — „אבער איך האלט נאך ניט ביים מאכען מיין צואה — צו ליב אורזאכען וועלכע זיינען מיר אליין גוט באוואוסט."

„איין אויגענבליק" — האט ער ווידער אנגעהויבען, אויפ־הויבענדיג זיין האנט, אזוי ווי ער וואלט וועלען מיך מאכען שווייגען. — „ערלויבט מיר, מיין הער, ערלויבט מיר! איך האב זיך דערוואוסט, אז איהר געהט אמאל אריין אין גארטען פון „לא גראנד ברעטעש" און שפאצירט דארט ארום—"

— „יא, מיין הער!"

„איין אויגענבליק!" — האט ער געזאגט, נאך אמאל מאכענדיג דעם זעלבען זשעסט — „אט די האנדלונג איז ניט געזעצליך, מיין הער, איך קום אין דעם נאמען און אלס אפטרפּוס פון דער פארשטארבענער פירשטין דע־מערע אייך צו בעטען איהר זאלט אויפגעבען אייערע באזוכען. איין אויגענבליק! איך בין ניט קיין טערק, און וויל אייך ניט צושרייבען קיין חטא. אויסערדעם איז לייכט צו פארשטעהן, אז איהר, א פרעמדער, זאלט ניט וויסען פון די אומשטענדען, וואס צווינגען מיך צו לאזען חרוב ווערן אט די שענסטע הויז פון וואנדאם. דאך, מיין הער, אזוי ווי איהר ווייזט אוים צו זיין א געבילדעטער מאן, ווייסט איהר מן הסתם, אז דאס געזעץ פארבאט מען זאל דורכגעהן אן אפגעשלאסען אייגענטום. קוסטעם ארום זיינען אזוי גוט ווי א פארקאן. אבער דער צושטאנד אין וועלכען די הויז איז איבער־געלאזען קאן גאנץ גוט ענטשולדיגען אייער נייגעריקייט. איך

וואלט געוועז זעהר צופרידען אייך צו קאנען לאזען געהן דארט אהין און צוריק ווי פיעל אייער הארץ געלוסט; אבער אזוי ווי איך בין באפאלמעכטיגט דורכצופירען דעם ווילען פון דער פארשטארבענער, האב איך די עהרע אייך צו בעטען, מיין הער, איהר זאלט מעהר ניט אריינגעהן אין יענעם גארטען. איך אליין, מיין הער, האב זינט איך האב יענע צואה דורכגעלייענט, ניט געשטעלט א פוס אין די הויז, וועלכע איך האב די עהרע, ווי איך האב אייך שוין ערקלערט, צו האלטען לויט דער צואה פון מאדאם דע מערע. מיר האבען נאר איבערגעצעהלט די צאל טירען און פענסטער כדי צו וויסען וויפיעל איך דארף אפצאלען א יאהר פון די פאנדען, וואס די פארשטארבענע גרעפין האט געלאזען פאר דעם צוועק. א, מיין הער, יענע צואה האט אנגעמאכט א גרויסען טומעל אין וואנדאם!"

„דא האט דער חשוב'ער מאן זיך אפגעשטעלט אפצואווישען דעם נאז. איך האב מיט אכטונג זיך פארהאלטען צו זיין באריידעוודיקייט, פארשטעהענדיג אז די ירושה, וואס מאדאם דע מערע האט איהם איבערגעלאזען אין איהר צואה, איז געוועזן די וויכטיגסטע פאסירונג פון זיין לעבען, דער הויפט און עיקר פון זיין רעפוטאציע, זיין גאנצע גדלות. הייסט עס, אז איך מוז זיך געזעגענען מיט מיינע שעהנע פאנטאזיעס, מיט מיין גאנצער פאעטישער געשיכטע! איך בין ניט געוועזן אזוי רעוואלוציאנער, ניט צו וועלען באקומען דעם אמת, אפיציעל פון דעם מאן פון געזעץ, און איך האב געזאגט:

— „מיין הער, אויב עס איז ניט קיין סוד, מעג איך פרעגען די אורזאכען פון דער זאנדערבארער ערשיינונג?"

„ביי די ווערטער האט זיך אויף הערן רענגאל'ס פנים באוויזען א שיין פון צופרידענהייט, ווי ביי א מאן, וואס רייט אויף זיין פערדעל. ער האט א ציה געטאן דעם קאלנער פון זיין

העמד, האט ארויסגענומען בהרחבה זיין פושקע מיט שמעק טא־באק, האט עס געעפענט און מיר אויך מכבד געווען, און ווען איך האב זיך ענטזאגט, האט ער אליין גענומען א שטארקען שמעק. ער איז געווען גליקלאך. א מענש, וואס האט אליין ניט עפעס א שטיק שגעון, קאן ניט פארשטעהן, ווי פיל פארגניגען מען קאן ארויסקריגען פון לעבען. א שטיק שגעון איז א מיטעלזאך צווישען א ליידענשאפט און א משוגעת פאר איין זאך.

— „מיין הער", — האט געזאגט הער רענגאל — „איך בין פריהער געווען א הויפט־שרייבער ביים אדוואקאט ראגין אין פאריז, אן אויסגעצייכענטע אדוואאקטען קאנטאר, פון וועל־כער איהר האט געווים געהערט? ניין? און דאך האט אן אומ־גליקליכסטער באנקראט עס געמאכט, איך מעג זאגען, אזוי בארימט. ניט האבענדיג קיין מיטלען צו קויפען א פראקטיקע אין פאריז צו דעם פרייז, צו וועלכען זיי האבען זיך אויפגעהוי־בען אין יאהר 1806, בין איך געקומען אהער אין וואנדאם, וואו איך האב קרובים — צווישען זיי א רייכע מומע, וועלכע האט מיר געגעבען איהר טאכטער פאר א ווייב".

„דא האט ער זיך א ווײלע אפגעשטעלט, און דאן ווייטער גערעדט:

— „אין דריי חדשים ארום, נאך דעם ווי איך בין באשטע־טיגט געווארען אין מיין שטעל דורך דעם אויפזעהער אויף די זיגלען, איין מאל אן אבענט, ווען איך האב שוין געהאלטען ביים לעגען זיך שלאפען, איז מען געקומען נאך מיר, מיך אוועקפיהרען צו דער פרוי פירשטין דע־מערע, וועלכע האט דאמאלס געוואנט אין איהר שלאס מערע. די דינסט פון דער גרעפין, אן אויסגע־צייכענטע מיידעל, וואס דינט איצט אין אט דער אכסניא, איז געשטאנען ביים טיר מיט דער פירשטינס קארעטע. א! איין אויגענבליק! איך האב אייך געדארפט זאגען, אז דער הער

פירשט, דע־מערע איז געשטארבען אין פאריז, ארום א צוויי חדשים פריהער, ווי איך בין אנגעקומען אהער. ער איז גע־שטארבען מיט א שענדליכען טוידט פון אלערליי אויסגעלאסענ־הייטען צו וועלכע האט זיך אפגעגעבען. איהר פערשטעהט? יא, דעם טאג, ווען ער איז אפגעפארען האט די פרוי פירשטין פארלאזען „לא גראנד ברעטעש" און עס אפגעליידיגט. מען זאגט אז זי האט זאגאר פארעכענט די מעבעל, און די קאווּיארען און אלע חפצים, וואס האבען באלאנגט אהין. — א! זייט מוחל, וואס זאג איך? איך האב געמיינט, אז איך דיקטיר א קאנטראקט. יא, מיין הער, זי האט אלץ פארברענט, זאגען זיי, אויף דער לאנקע פון מערע. זייט איהר אמאל געוועזען אין מערע, מיין הער?"

„ניטווארטענדיג אויף מיין ענטפער, האט ער אליין גע־ענטפערט פאר מיר: „נייז, א! עס איז א שעהן שטיקעל פלאץ! ארום דריי חדשים האבען דער הער פירשט און די פרוי פירשטין געלעבט און לא גראנד ברעטעש אויף א זאנדערבארען אופן: זיי האבען קיינעם ניט צוגעלאזען צום הויז; די פרוי האט געלעבט אין אונטערשטען עטאזש און דער הער אין אויבערשטען. זינט די פירשטין איז איבערגעלאזען געווארען אליין, איז זי קיין מאל נים נעגאנגען אין קירך. שפעטער, אין איהר אייגענעם שלאס האט זי זיך ענטזאגט צו זעהן איהרע פריינד, וואס זיי־נען געקומען איהר באזוכען. זי האט זיך שטארק געביטען זינט זי האט פארלאזען לא גראנד ברעטעש און האט זיך אריבערגעקלי־בען אין מערע. אט יענע טייערע פרוי (איך זאג טייערע, כאטש איך האב איהר נאר איין איינציגען מאל געזעהן, ווייל זי האט מיר נעגעבען אט דעם דימענט) — יענע גוטע פרוי איז געוועזען זעהר קראנק; עס איז קיין ספק ניט, אז זי האט אויפגעגעבען אלע האפענונגען געזונט צו ווערען, ווארום זי איז געשטארבען,

ניט רופענדיג אפילו א דאקטאר; באמת געדערדט האבען אייגינע געמיינט, אז זי איז ניט אין גאנצען ביים זינען. דער פועל יוצא איז, אז איך בין געווען שטארק געשפאנט, ווען איך האב זיך דער־וואוסט, אז מאדאם—דע מערע דארף מיין דינסט. איך בין אנגע־קומען אין שלאס ארום עלף אזייגער. איך בין ארויף דורך די פא־ראדנע טרעפ. נאך דעם ווי איך בין דורכגעגאנגען א גרויסע צאל פינסטערע, גרויסע צימערן, שווידערליך קאלטע און פייכטע, בין איך אריין אין גרויסען שלאף־צימער, אין וועלכען די פרוי פירשטין איז געלעגען. צוליב די פיעל געשיכטען, וואס מען האט זיך דערצעהלט וועגען יענע פרוי (איך וואלט קיין מאל ניט געענדיגט אויב איך וואלט אנגעהויבען זיי אייך צו דערצעהלען), האב איך ערוואַרט צו געפינען א באצויבערנדע קאקעטקע. ווער איהר גלויבען, איך האב קוים געקאנט איהר דערזעהן אין דעם גרויסען בעט, אין וועלכער זי איז געלעגען. עס איז אמת, אז דאס איינצעלנע ליכט, וואס האט געברענט אין יענעם גרויסען צימער מיט פארצירונגען, באדעקט מיט שטויב, געווען ניט גענוג אייך צו מאכען ניסען, ווען איהר האט נאך געקוקט אויף זיי, איז געווען אין איינציגער ארגאנד־לאמפ. א! אבער איהר זאגט, אז איהר זייט קיינמאל ניט געווען אין מערע. יא, מיין הער, דאס בעט איז געווען איינס פון די פארצייטיגע בעטען, מיט א בלאדאכין, באַ־צויגען מיט קארטון און בלומען. א קליינער זארט טישעל איז גע־שטאנען ביים בעט, און אויף איהם האב איך באמערקט א פרום־בוך".

— „ערלויבט מיר צו מאכען א באמערקונג אן א זייט" — האט ער זיך אליין אונטערבראכען, — „איך האב שפעטער גע־קויפט דאס בוך און אויך דעם לאמפ און עם געשאנקען מיין ווייב. אין צימער איז געשטאנען א ברייטע זאפע פאר די פרוי, וואס האט ארומגעפאדעט ארום פרוי דע־מערע און צוויי שטו־

לען. דאס איז געווען אלץ. קיין פייער איז ניט געווען. ווען מען וואלט אויפגענומען אלץ וואס דארט איז געווען וואלט מען קיין צען שורות ניט געדארפט פארשרייבען. א ! מיין הער, וואלט איהר געקענט איהר זעהן, ווי איך האב איהר דאמאלט געזעהן, וואלט איהר זיך געקאנט איינבילדען, אז איהר האלט אין לייענען א מעשה. עס איז געווען אי קאלט, ריכטיג, עס האט געשמעקט מיט לויה" — האט דער חשוב'ער מאן צוגעגעבען, אויפהויבענדיג טעאטראליש די האנט. באלד האט ער ווייטער אנגעהויבען :

„קומענדיג נאהענט צום בעט און שארף זיך צוקוקענדיג, האב איך ענדליך דערזעהן פרוי דע מערע, א דאנק דעם לאמפ וואס האט געראדע באלויכטען די קישענס. איהר געזיכט איז געווען געל ווי וואקס און האט אויסגעזעהן ווי צוויי צוזאמענגעלייגטע הענט. די פרוי פירשטין האט געטראגען א טשעפיק פון קרוזשעווע, וועלכער האט פון דעסטוועגען מיר געלאזט זעהן איהרע פיינע האר, ווייס ווי שניי. זי איז געזעסען אין בעט, אבער מען האט געזעהן, אז דאס קומט איהר אן גאנץ שווער. איהרע גרויסע, שווארצע אויגען, אהן צווייפעל פארזונקען אין פיבער און כמעט אהן לעבען, האבען קוים זיך באוועגט צווישען די ביינער, וואו עס וואקסען געוועהנליך ברעמען. איהר שטערן איז געווען נאס. איהרע הענט אהן פלייש זיינען געווען ווי ביינער באדעקט מיט הויט ; אדערן און מוסקולען האט מען ניט געקאנט זעהן. זי האט אמאל געמוזט זיין זעהר א שעהנע ; אבער איצט — ווען איך האב איהר דערזעהן, האט מיר ארומגעכאפט א געפיהל, וועלכען איך קאן אייך ניט באשרייבען. די, וואס האבען איהר מקבר געווען האבען נאכהער געזאגט, אז נאך קיין מאל איז א לעבעדיגע באשעפעניש ניט געווען אזוי צעפאלען ווי זי איז געווען נאך איידער זי איז געשטארבען. יא, עס איז גע־

װען שרעקליך א קוק צו טאן. עפעס א טויטליכע קראנקהייט האט אויפגעגעסען די פרוי, ביז עס איז פון איהר מעהר ניט געבליבען ווי א שאטען. איהרע ליפען, וויאלעט־בלאס, האבען זיך ניט גערירט בעת זי האט גערעדט. כאטש מיין פראפעסיע האט שוין פאר מיר געמאכט אזוינע סצענעס פאר א געוועהנלי־כע זאך, ווייל זי האט מיך אפט געבראכט ביים בעט פון שטאר־בענדע צו באקומען זייער לעצטען ווילען, מוז איך דאך זאגען אז די טרערען און קומער פון פאמיליעס און פריינד, וועלכע איך האב בייגעוואוינט, זיינען געוועזן גאר נישט אין פארגלייך מיט דער איינזאמער פרוי אין יענער גרויסער געביידע. איך האב נים געהערט דעם קלענסטען גערויש, איך האב ניט געזעהן די באוועגונג, וועלכע דער אטעם פון דער שטארבענדער פרוי האט געדארפט נאטירליך צוגעבען צו דעם לייליך, מיט וועלכען זי איז געווען בארעקט; איך אליין בין געבליבען אהן באוועגונג, קוקענדיג אויף איהר מיט א זארט באטויבונג. אין אמת'ן דאכט זיך מיר נאך אלץ, אזוי ווי איך וואלט נאך דארט זיין. ענדליך האבען איהרע גרויסע אויגען זיך געעפענט. זי האט געפרובירט אויפהויבען איהר רעכטע האנט, וואס איז צוריקגעפאלען אויף איהר בעט; דאן די ווערטער, וואס זיינען ארויס פון איהרע ליפען ווי א הויך, ווארום איהר שטים איז מעהר קיין שטים ניט געווען.

„איך האב געווארט אויף אייך מיט אומגעדולד“.

— „איהרע באקען האבען באקומען פארב. די אנשטרענ־גונג ביים ריידען איז געווען גרויס. די אלטע פרוי, וואס איז ארומגעגאנגען ארום איהר, האט זיך אויפגעהויבען און מיר אריינגעשושקעט אין אויער: „רעדט ניט; די פרוי פירשטין האט אין גאנצען אויפגעהערט צו הערען; איהר וואלט איהר נאר אויפ־רעגען“. איך האב זיך אוועקגעזעצט. אין עטליכע מינוט ארום

האט פרוי מערע צוזאמענגעקליבען איהרע פארבליבענע כחות צו באוועגען איהר רעכטען ארעם און עס אוועקצולייגען, נים אהן גרויסע שווערקייטען, אויפ'ן צוקאפענס. זי האט א ווײלע זיך אפגערוהט; דאן האט זי געמאכט די לעצטע אנשטרענגונג און האט צוריקגעצויגען איהר האנט וואס האט איצט געהאלטען א פארזיגעלטען פאפיר. גרויסע טראפענס שוויים האבען זיך גע־קייקעלט פון איהר שטערן.

— „איך גיב אייך מיין צואה" — האט זי געזאגט — א, מיין גאט! א!"

„דאס איז געווען אלץ. זי האט א כאפ געטאן דעם צלם, וואס איז געלעגען ביי איהר אויפ'ן בעט, האט עס א דריק גע־טאן צו די ליפען, און איז געשטארבען. דער אויסדרוק פון איהרע פארגלאצטע אויגען מאכט מיר נאך איצט ציטערן, ווען איך טראכט וועגען דעם. איך האב אוועקגעטראגען די צואה. ווען עס איז געעפענט געווארען, האב איך אויסגעפונען אז פרוי מערע האט מיך געמאכט פאר איהר אפטרופוס. זי האט איבער־געלאזען איהר גאנצען פארמעגען פאר דעם האספיטאל פון וואנ־דאם, מיט אויסנאם פון עטליכע מתנות. מכח לא גראנד ברע־טעש האט זי באפוילען אט וואס: איך בין באפוילען געווארען עס צו לאזען אין זעלבען צושטאנד, ווי עס איז געווען אין א משך פון פופציג יאהר פון טאג פון איהר טוידט. איך האב געמוזט פארבאטען אז קיינער זאל אהין נים אריין, גאנץ גלייך ווער; אז קיין רעמאנט זאל נים געמאכט ווערען, און, אויב נוי־טיג, זאל איך פון איהר ירושה נעהמען געגנוג געלט אנצוהאל־טען וועכטער, וואס זאלען אפהיטען איהרע באפוילען. ווען יענער טערמין וועט זיך ענדיגען און איהר צואה וועט פינקטליך ערפילט ווערען, זאל דאס גאנצע גוט געהערען צו מיינע יורשים (ווייל איהר ווייסט דאך, מיין הער, מן הסתם, אז עס איז פאר־

באטעז פאר נאטאריוסעז אנצונעמעז ירושה־מתנות) אויב נים זאל לא גראנד ברעטעש אריבערגעהן צו די, וואס וועלעז האבעז אויף דעם געזעצליכע פרעטענזיעס, אונטער דער באדינגונג, אז זיי זאלעז ערפילעז די פארערונגעז וואס זיינעז ענטהאלטעז אין דער הוספה צו דער צוואה, וואס טאר אבער נים געעפענט ווערעז פריהער ווי אין פופציג יאהר ארום. די צוואה איז פוז קיינעם קיין מאל נים באשטריטעז געווארעז, דערפאר...

„און דער לאנגאטש — דער נאטאריוס האט מיט גדלות א קוק געטאן אויף מיר נים פארענדיגענדיג דעם זאץ.

„מיין הער, — האב איך געזאגט צום שלום, — איהר האט א זא שטארקעז איינדרוק געמאכט אויף מיר, אז מיר דאכט זיך, איך זעה די שטארבענדע פרוי, ווייסער ווי דער לייליאך: יענע בלישצענדע אויגעז שרעקעז מיך: זי וועט זיך מיר חלומ׳עז די גאנצע נאכט. אבער איהר האט דאך געווים וועלכע עס איז השערות מכח די מאטיוועז פוז יענער אומגעוועהנליכער צוואה?”

— „מיין הער”, — האט ער געענטפערט מיט א קאמי־שער צוריקגעהאלטענקייט — „איך ערלויב מיר קיין מאל נים צו אורטיילעז וועגעז די מאטיוועז פוז יענער, וואס האט מיך באעהרט מיט א מתנה פוז א דימענט.

„איך האב אבער געמאכט אזוי, אז דער צונג איז אויף אזוי ווייט לויז געווארעז ביים פארזיכטיגעז נאטאריוס, דאס ער האט מיר איבערגעגעבעז, נים אהן פארדרעהענישעז, די מיינונגעז וועגעז דער זאך פוז געוויסע קלוגע קעפ, מענער און פרויעז. וועמעס אורטייל עס בילדעט דעם געזעלשאפטליכעז געזעץ פוז וואנדאם. אבער די דאזיגע מיינונגעז און בעטראכטונגעז האבעז זיך אזוי ווידערשפראכעז און זיינעז געוועז אזוי ווייטלויפיג, אז איך בין קוים נים איינגעשלאפעז, נים קוקענדיג אויף דעם גרויסעז אינטערעס, וואס איך האב געפיהלט צו דער גע־

שיכטע, דאס שווערע זארט ריידען און דער מאנאטאנער אק־צענט פון נאטאריוס, וועלכער איז בלי ספק געווען געוואהנט זיך צוצוהערען צו זיך אליין און צו מאכען זיינע קליענטען און לאנדסלייט זיך צוצוהערען צו איהם, האבען טריאומפירט איבער מיין נייגעריקייט. צום גליק איז ער ענדליך אוועק.

— „א, א, מיין הער“ — האט ער געזאגט צו מיר, שטע־הענדיג אויפ׳ן טרעפ — „א סך פערזאנען וואלטען געוואלט אויסלעבען זייערע פינף און פערציג יאהר לענגער. אבער, איין אויגענבליק!“ — דא האט ער ארויפגעלייגט דעם לאנגען פינ־גער אויפ׳ן נאז, אזוי ווי ער וואלט וועלען זאגען: איצט זייט אויפמערקזאם —, כדי צו טאן ד א ס, כדי ד א ס צו דער־גרייכען, מוזען זיי אריבערשפרינגען די זעכציגער יאהרען“.

III

„איך האב פארמאכט די טיר. דער שפאס פון נאטאריוס, וועלכען ער האט געהאלטען פאר זעהר וויציג, האט מיר ארויסגע־פיהרט פון מיין אפאטיע: דאן האב איך זיך אוועקגעזעצט און מיין ארעם שטול, און האב אוועקגעלייגטביידע פיס אויפ׳ן פייער־אייזען. איך בין געווען פארטיפט אין ראמאנטישע בא־טראכטונגען, וואס זיינען געווען געבויט אויף דעם נאטאריוסעס אנטפלעקונגען, ווען מיין טיר האט זיך לאנגזאם געעפענט פון דער האנט פון א פרוי, און זיך שטיל א דרעה געטאן אין די זאוויעסעס.

„איך האב דערזעהן מיין בעל הבית׳טע, א פרעהליכע, דיקע פרוי מיט א שעהנעם, גוט מוטיגען פנים, וואס האט זיך גאר ניט ארייגעפאסט אין דער סביבה: זי האט געשטאמט פון

פלאנדערן און האט אויסגעזעהן ווי זי וואלט אקארשט ארויס פון טעניער׳ס א בילד.

— „יא, מיין הער, — האט זי געזאגט — הער רענאל האט אויך אהן צווייפעל דערצעהלט די בארימטע געשיכטע פון לא גראנד ברעטעש?“

„ יא, מאדאם לעפא“.

— „וואס האט ער אייך געזאגט?“

„איך האב אין עטליכע ווערטער איבערגע׳חזר׳ט די פינס־טערע און שוידערליכע געשיכטע פון דער פרוי מערע, ווי זי איז מיר באקאנט געווארען דורך דעם נאטאריוס. ביי יעדען זאץ האט מיין בעל־הבית׳טע אויסגעשטעלט די מארדע און געקוקט אויף מיך מיט דעם שארפזין פון א שענקער, וואס פאראייניגט אין זיך דעם אינסטינקט פון א פאליסמאן, די כיטרעקייט פון א שפראך און די פלינקייט פון א קרעמער.

„מיין טייערע פרוי לעפא — האב איך צוגעגעבען צום שלוס — ווי עס זעהט אויס, ווייסט איהר מעהר ווי דאס. אויב נים, פארוואס זיים איהר ארויף איצט צו מיר?

— „אויף מיין ווארט, איך בין אן עהרליכע פרוי, עס איז אזוי אמת, ווי מיין נאמען איז לעפא...“

„שווערט זיך נים, ווארום אייערע אויגען זיינען פול מיט סודות. איהר האט געקענט הערן מערע, וואס פאר א זארט מאן איז ער געווען?“

— „נאט מייגער! הער מערע! יא, איהר זעהט, ער איז געווען א שעהנער מאן, אזוי הויך, אז איהר האט קיין מאל נים געקאנט זעהן זיין שפיץ קאפ — זעהר א חשוב׳ער פריץ פון פיקארדי, וועלכער האט געהאט, מען קאן זאגען, א טעמפערא־מענט; און ער האט עס געוואוסט. ער האט יעדען איינעם גע־צאהלט אין בארעם געלד, כדי ער זאל זיך נים דארפען קריגען.

אבער איך זאג אייך, ער איז געווען גאנץ פלינק. אונזערע דאַ־מען האבען איהם געהאלטען פאר זעהר אן אנגענעמען מענשען".

„צוליב זיין טעמפעראמענט?"

— „עס קאן זיין — האט זי געענטפערט — איהר ווייסט, מיין הער, א מאן מוז האבען מיט וואס זיך אויסצופיינען אום צו קאנען חתונה האבען מיט א פרוי, ווי מאדאם דע מערע, וועל־כע איז געווען, ניט באליידיגענדיג די אנדערע, די שענסטע און רייכסטע פרוי אין וואנדאם. זי האט געהאט א הכנסה פון ארום צוואנציג טויזענד פראנק א יאהר. די גאנצע שטאדט איז געווען אויף דער חתונה. די כלה איז געווען אזוי עלעגאנט און באצויבערנד, אן אמת'ע קליינע פראכטפרוי. אַ! זיי זיינען אין יענע טעג געווען א שעהנע פאָרל!"

„איז זייער היים געווען גליקליך?"

— „הם, הם! יא און ניט, אויף ווי ווייט מען קאן זאגען: ווארום איהר ווייסט דאך גאנץ גוט, אז אונזער איינער איז ניט קיין גרויסער מחותן מיט אזוינע ווי זיי. פרוי דע מערע איז געווען א גוטע פרוי און זעהר ליעבליך און האט געמוזט אהן ספק אויסשטעהן א סך פון איהר מאנ'ס טעמפעראמענט; מיר אלע האבען איהר זעהר האלט געהאט, כאטש זי איז געווען זעהר שטאלץ. נאר אזא איז זי שוין געבארען און ערצויגען געווא־רען. ווען די מענשען שטאמען פון פריצים, פארשטעהט איהר?"

„אבער עס האט דאך דארט געמוזט פארקומען עפּעס א שווידערליכער אומגליק, וואס האט געמאכט הערן און פרוי דע־מערע זיך צו צושיידען אזוי געוואלטזאם?"

— „איך האב קיין מאל ניט געזאגט, מיין הער, אז דארט איז געווען אן אומגליק, איך ווייס פון גאר נישט".

„גאנץ גוט. איצט ווייס איך אז איהר ווייסט אלץ."

— „מיין הער, איך וועל אייך זאגען אלץ וואס איך ווייס.

ווען איך האָב דערזעהן, ווי דער רעגאַל איז נאָכגעגאַנגען נאָך איך, האָב איך געוואוסט, אַז ער וועט איך דערצעהלען וועגען מאדאם דע מערע און וועגען לאַ גראַנד ברעטעש; און דאָס האָט מיר געבראַכט אויפ'ן געדאַנק זיך מישב צו זיין מיט א מאן, וואָס ווייזט אוים צו זיין אן איידעלמאַן מיט שכל, אומ־פעהיג אפצונארען א גוטע פרוי ווי איך, וועלכע האָט קיין מאָל קיינעם קיין בייז ניט געטאָן, נאָר וועמעס געוויסען איז אביסעל אומרוהיג. איך האָב קיינמאָל ניט געהאט די העזה צו זאָגען א וואָרט וועגען דעם צו די היגע לייט, וואָרום זיי זיינען אַלע רכלות'ניקעס מיט צינגער, ווי שטאָלענע קלינגען. און דאָ איז קיין מאָל ניט געווען קיין רייזענדער, וואָס זאָל האָבען גע־שטאַנען דאָ אזוי לאַנג ווי איהר, מיין הער, וועמען איך זאָל קאָנען זאָגען וועגען די פופצען טויזענד פראַנק..."

„מיין טייערע פרוי לעפּא — האָב איך געזאָגט פּרובירענדיג אפּשטעלען דעם שטראָם פון ווערטער — אויב אייער פּאַרטרויען איז פון דעם זאַרט, וואָס קאָן אויף מיך וואַרפען א חשד, וויל איך עס ניט הערען פאַר גאַנצע אוצרות..."

— „אַ! האָט קיין מורא ניט — האָט זי געזאָגט, מיך אונטערברעכענדיג — איהר וועט עס אליין זעהן—"

„אַט די האַסטיגקייט מיר צו דערצעהלען, האָט מיר גע־וויזען, אַז איך בין ניט געווען דער ערשטער, וועמען די גוטע פרוי האָט מיטגעטיילט דעם סוד, פון וועלכען איך האָב גע־זאָלט זיין די ערשטע באַהעלטעניש, און דערפאַר האָב איך זיך צוגעהערט".

— „מיין הער, — האָט זי געזאָגט, — ווען דער קאַיזער האָט געשיקט די שפּאַנישע און אַנדערע קריגס־געפאַנגענע אין וואַנדאָם, האָב איך איינעם פון זיי געהאַלטען אויף קעסט (אויפ'ן חשבון פון דער רעגירונג) — א יונגען שפּאַניער, וואָס איז

ארויסגעלאזען געווארען אויף עהרען־ווארט. אבער גיט קוקענדיג אויף דעם עהרען־ווארט, האט ער געמוזט יעדען טאג זיך מעלדען ביים אונטערפעפעקט. ער איז געווען אן איידעלמאן פון שפאניען מיט א נאמען, וואס האט זיך געענדיגט אויף ד י א — ווי אלע שפאניער — באגאס דע פערעזיא. איך האב זיין נאמען פארשריבען אין בוך און איהר קאנט עס זעהן, אויב איהר ווילט. א. פאר א שפאניער איז ער געווען א שעהנער יונגער מאן, ווייל מען זאגט אז זיי זיינען אלע מאוס. ער איז געווען ניט העכער ווי פינף פוס און צוויי אדער דריי צאל, אבער גוט געבויט. ער האט געהאט שעהנע, קליינע הענט, וועלכע ער האט זעהר געכאליעט — איהר האט איהם נאר געדארפט אנקוקען! ער האט געהאט אזוי פיעל בערשטלאך פאר די הענט, ווי א פרוי האט פאר איהר קאפ. ער האט געהאט שעהנע, שווארצע האר, פייערדיגע אויגען, גיכער א קופערפארביגע הויט, אבער עס איז דאך געווען אנגענעם צו קוקען אויף איהם. ער האט געהאט די שעהנסטע לייוועגט, וועלכע איך האב ווען עס איז געזעהן, און איהר דארפט ניט פארגעסען, אז ביי מיר זיינען שוין איינגעשטאנען פרינצעסינס, און צווישען אנדערע — גענעראל בערטראן: דער פירשט און די פירשטין ד' אבראנטע, הער דעקא און דער קעניג פון שפאניען. ער האט פיעל ניט געגעסען, אבער ער האט געהאט אזוינע העפליכע מאנערן, און איז געווען אזוי ליבענסווירדיג, אז איך האב ניט געקאנט וואס אויסצוזעצען געגען איהם. א ! איך האב איהם אמת האלט געהאט, כאטש ער האט קיין מאל ניט ארויסגערעדט קיין פיער ווערטער א טאג מיט מיר ; אויב עס פלעגט ווער צו איהם ריידען, פלעגט ער קיין מאל ניט ענטפערן — דאס איז א שטיקעל שגעון, וואס די גרויסע שפאנישע פריצים, די גראנדען האבען, א מין מאניא, ווי מען האט מיר געזאגט. ער האט געלייענט דעם סדור ווי גלך און

פלעגט געהן אין קירך פינקטליך צו אלע גאטעס־דיענסטען. און וואו, מיינט איהר, פלעגט ער זיצען? הארט לעבען מאדאם דע מערע׳ס ווינקעל. אבער אזוי ווי ער האט יענעם פלאץ פארנומען פון ערשטען טאג אן, וואס ער איז נעגאנגען אין קירך, האט קיינער ניט צוגעשריבען קיין וויכטיגקייט צו דעם פאקט, כאטש מען האט עס שפעטער גוט געדיינקט. אויסער דעם פלעגט ער קיינמאל ניט אויפהויבען די אויגען פון זיין סדור. ארימער יונ־גער מאן!"

„מיין פרעהליכע בעל הבית׳טע האט א מינוט זיך אפגע־שטעלט, באהערשט פון ערינערונגען; דאן האט זי פארטגעזעצט איהר ערצעהלונג.

— „פון יענער צייט אן פלעגט ער אוועקשפאצירען יעדען אבענט אין די בערג, צווישען די חורבות פון שלאס. דאס איז געווען זיין איינציגער פארגניגען, ארימער יונגערמאן! און איך וואג צו זאגען, אז ער פלעגט זיך דארט דערמאנען אן זיין איי־גען לאנד, ווארום זיי זאגען, אז שפאניען איז פול מיט בערג. פון אנפאנג אן פלעגט ער קומען אהיים גאנץ שפעט אין דער נאכט. איך פלעג זיך פיהלען זעהר אומרוהיג ניט זעהענדיג איהם ביז נאך האלבע נאכט; אבער מיר זיינען צוגעוואהנט געווארען צו זיינע פיהרונגען, און האבען איהם געגעבען דעם שליסעל פון טיר, כדי מיר זאלען ניט דארפען זיצען און ווארטען. עס האט פאסירט אזוי אז איינער פון אונזערע שטאל־קנעכט האט אונז געזאגט, אז איין אבענט, ווען ער איז נעגאנגען ביינאכט באדען זיינע פערד, האט זיך איהם געדאכט, אז ער זעהט דעם גראנד פון ווייטען, שווימענדיג ווי א פיש. ווען ער איז אריין, האב איך איהם געזאגט, ער זאל בעסער זיין פארזיכטיג, ער זאל זיך ניט פארפלאנטערן אין די סענעס; עס האט אויסגעוויזען אז איהם האט פארדראסען פאר וואס מען האט איהם געזעהן אין וואסער.

מלא, מיין הער, איין טאג, ריכטיגער געזאגט, איין פריהמארגען האבען מיר איהם ניט געפונען אין זיין צימער: ער איז ניט געקומען. ער איז קיינמאל צוריק ניט געקומען. איך האב געזוכט איבעראל און אין אלץ; ענדליך האב איך געפונען אין א טיש־קעסטעל א פאפיר. דארט איז געווען באהאלטען אויף פופציג שפאנישע גאלדשטיק, וואס הייסען „פארטוגעזען“, און וואס זיי־נען ווערטה צו הונדערט פראנק א שטיק, אויך דימענטען אין ווערטה פון צעהנטויזענט פראנק, פארזיגעלט אין א קעסטעלע. אין פאפיר איז געווען געשריבען, אז אין פאל אויב ער וועט ניט צוריק קומען, לאזט ער אונז איבער דאס געלט און די דימענטען מיט א בקשה צו לאזען אפהאלטען גאטעסדינסטען פאר זיין אנטלויפען און פאר זיין זיכערקייט. דאמאלט האט נאך מיין מאן געלעבט, און ער האט גענומען אלץ וואס מען האט געקאנט, צו געפינען דעם יונגען מאן. אבער עפעס א משונה׳ינע זאך! ער האט נאר געפונען דעם שפאניערס קליידער אונטער א גרויסען שטיין און א רייןביידעל אויפ׳ן ברעג טייך, אויף דער זייט פון שלאס, פונקט אנטקעגען לא גראנד ברעטעש. מיין מאן איז אהין אוועק גאנץ פריה צו מארגענס, אזוי אז קיינער האט איהם ניט געזעהן. ער האט פארברענט די קליידער און האט פארשפרייט א קלאנג, ווי דער פירשט פערדיא האט געבעטען, אז ער איז אנטלאפען. דער אונטער־פערפעקט האט ארויסגעשיקט די גאנ־צע זשאנדארמעריע איהם זוכען, אבער זייט זיכער, זיי האבען איהם קיין מאל ניט געכאפט! לעפא האט געמיינט אז דער שפא־ניער האט זיך דערטרונקען. אבער, מיין הער, איך האב קיינמאל אזוי ניט געטראכט. איך דענק, אז ער איז ווי עס איז געווען פאר־מישט אין מאדאם דע מערע׳ס צרות, און אט פאר וואס. ראזא־ליע האט מיר געזאגט, אז איהר בעל־הבית׳טע האט געהאט א צלם, וועלכען זי האט געהאלטען אזוי טייער, אז זי האט געבע־

מען איהר צו באגראבען מיט דעם צלם, און אז ער איז געווען געמאכט פון העלפאנטביין און זילבער: נו, ווען הער פערידיא איז צום ערשטען מאל געקומען וואהנען ביי אונז, האט ער געהאט פונקט אזא צלם; נאר באלד האב איך עס מעהר ניט געזעהן. נו, מיין הער, וואס זאגט איהר? צי איז ניט אמת, אז איך דארף ניט האבען קיין געוויסען־ביסען װעגען יענע פופצעהן טויזענד פראנק? צי דען זיינען זיי ניט געזעצליך מיינע?"

„געוויס זיינען זיי אייערע, אבער ווי קומט עס, אז איהר האט קיין מאל ניט אויסגעפרעגט ראזאליען? — האב איך געזאגט.

„א! איך האב איהר געפרעגט. אבער איך קאן פון איהר גאר ניט ארויסקריגען. זי ווייס עפעס, אבער מען קאן איהר ניט מאכען צום ריידען."

„נאך איינינע באמערקונגען האט מיין בעל־הבית'טע געמאכט, און מיך פארלאזען, אלס א קרבן פון ראמאנטישער נייגעריגקייט, מיט אומקלארע, פינסטערע געדאנקען און א רעליגיעזען שרעק, גלייך צו דעם זארט אימה וואס באפאלט אונז, ווען מיר געהען אריין ביינאכט אין קירך און קוקען דורך די שוואכע ליכט פון ווייטען צווישען די געוועלבען; א פארמלאזע פיגור גליטשט זיך פארביי פאר אונז, א שארך פון א קלייד, — פון א גלח אדער א פרוי — הערט זיך; מיר ציטערן. לא גראנד ברעטעש מיט איהרע הויכע גראז, מיט די פארקלאפטע פענסטער און פארלאזענע צימערן האט זיך פלוצלונג אויפגעהויבען פאנטאסטיש פאר מיר. איך האב געפרובירט אריינדרינגען אין יענער מיסטעריעזער וואהנונג און געזוכט דעם קניפעל פון דער גאנצער פייערליכער געשיכטע, פון דער דראמא, וואס האט געטוידט דריי פערזאן.

IV.

ראזאליע איז אין מיינע אויגען געווארען די אינטערעסאנטעסטע פערזאן פון וואנדאם. צוקוקענדיג זיך צו איהר, האב איך ביי איהר ענטדעקט די סמנים פון שטענדיג טיעף ארבייטענדע געדאנקען. ניט קוקענדיג אויף די געזונטהייט, וואס האט געבליהט אויף איהר געזיכט מיט גריבלאך, איז אין איהר געווען עפעס אן עלעמענט פון חרטה, אדער פון האפענונג; איהר האלטונג האט געוויזען אויף עפעס א סוד, ווי די האלטונג פון א פאנאטיקער, וואס איז מתפלל מיט התלהבות, אדער פון א מיידעל, וואס האט דער'הרג'עט איהר קינד און הערט אייביג זיין געשריי. און דאך איז איהר פאזע געווען נאאיוו און זאנאר וואולגאר: איהר נארישער שמייכעל איז זיכער ניט געווען פון א פארברעכער; איהר וואלט איהר געהאלטען פאר אומשולדיג אפילו קוקענדיג אויף דעם גרויסען האלזבאנד אין רויטע און בלויע קעסטלאך, וואס האט פארדעקט איהר קרעפטיגע ברוסט, אנגעטאן און אריינגעשפארט און אונטערגעהויבען פון א קלייד און פורפור מיט ווייסע פאסען. „ניין" — האב איך געטראכט — „איך וועל ניט פארלאזען וואנדאם, זיך ניט דערוויסענדיג די געשיכטע פון „לא גראנד ברעטעש". איך וועל אפילו שפילען ליעבע מיט ראזאליען, אויב עס איז אפסאלוט נויטיג."

„ראזאליע" — האב איך איין מאל געזאגט צו איהר.

— „וואס איז מיין הער?"

„איהר זייט דאך נאך ניט פארהייראט, ניט אמת?"

„זי האט לייכט א ציטער געטאן.

— „א! ווען מיר וועט זיך אמאל פארוויילען ווערען אומ־

גליקליך, וועלען קיין מענער ניט פעהלען" — האט זי געזאגט לאכענדיג.

„זי איז באלד צו זיך געקומען פון איהר אויפרעגונג: וואַרום אלע פרויען, פון דער גרעסטער אריסטאקראטקע ביז דער דינסט אין אן אכסניא, האבען זייער אייגענע זעלבסטבאהערשונג.

„איהר זייט פריש גענוג און גענוג אנציהענד צו געפעלען ווערען א געליעבטען — האב איך געזאגט, זיך צוקוקענדיג צו איהר — אבער זאג מיר, ראזאליע, פאר וואס האסטו גענומען א שטעל אין אן אכסניא, נאכדעם ווי דו האסט פארלאזען פרוי דע־מערע? צו דען האט זי דיר ניט געלאזען קיין ירושה?"

— „א, יא, זי האט עס געטאן. אבער, מיין הער, מיין שטעל אין די בעסטע אין וואנדאם".

„דער ענטפער איז געווען אזא, וועלכען די ריכטער און אדוואקאטען רופען „אויסוויכונג". ראזאליעס ראלע אין דער ראמאנטישער געשיכטע איז געווען די פון א קוואדראטיק אויף א שאך־ברעט: זי איז געווען אין רעכטען מיטעלפונקט פון דער זאך: עס האט מיר אויסגעוויזען, אז זי איז פארבונדען מיט'ן סאמע קניפעל פון דער גאנצער זאך. דער לעצטער קאפיטעל פון דער געשיכטע איז געלעגען ביי איהר: און פון דעם אויגענבליק, וואס איך האב עס פארשטאנען, האט ראזאליע געקראגען פאר מיר א באזונדערן חן. שטודירענדיג איהר, האב איך אויסגעפונען אין איהר, ווי אין יעדער פרוי, וועלכע מיר מאכען פאר דעם הויפטציעל פון אונזער אויפמערקזאמקייט, א גאנצען הויפען מיט מעלות. זי איז געווען רייז, זארגפעלטיג און דערפאר גאנץ שעהן. אין א וואך, צוויי, דריי ארום נאך דעם נאטאריוסעס וויזיט האב איך צו איהר פלוצלונג געזאגט: „זאג מיר אלץ וואס דו ווייסט וועגען פרוי דע מערע".

— „אָ. ניין!" — האָט זי געענטפערט אין א טאָן פון שרעק. — „בעט עס ביי מיר ניט, מיין הער!"

„איך בין צוגעשטאַנען צו איהר. איהר שעהנע געזיכט איז געוואָרען פינסטער, איהר ליכטיגע פארב איז אָפּגעבלאַקירט געוואָרען, איהרע אויגען האָבען פארלאָרען זייער אומשולדיגע, קלאָרע ליכט.

— „יא", — האָט געזאָגט אין אַ ווײַלע ארום — „אויב איהר ווילט דורכאוים, וועל איך אייך זאָגען: אבער האַלט עס בסוד".

„איך וועל עס האַלטען מיט דער טרייקייט פון א גנב, וואָס איז דער טרייסטער מאָן אין דער וועלט."

— „אויב עס איז פאר אייך אלץ איינס, האַלט עס בעסער מיט אייער אייגענער טרייקייט."

נאָך דעם האָט זי פאריכט איהר האַלזבאַנד און אנגענומען די פּאָזע, ווי מיר צו דערצעהלען די געשיכטע; ווארום עס איז זיכער, אז עס איז נויטיג א געוויסע פּאָזע פון צוטרויען און זיכערקייט אום צו דערצעהלען א מעשה. די בעסטע מעשות ווערען דערצעהלט אין געוויסע שטונדען — אזוינע ווי די, ווען מיר זיצען איצט ביים טיש. קיינער האָט נאָך ניט דערצעהלט גוט א מעשה שטעהענדיג אָדער הונגעריגערהייט.

„אויב איך זאָל וועלען טריי איבערגעבען דער ארימער ראַזאַליעס פארנאַנדערגעגאָסענע בערעדזאַמקייט, וואָלט א גאַנצער באַנד קוים געקלעקט. אבער אזוי ווי די פּאסירונג, וועגען וועלכע זי האָט מיר געגעבען אן אומקלאָרע באקאַנטשאַפט פאַסט זיך אריין צווישען די פאַקטען, וואָס איך האָב זיך דערוואוסט פון דער פּלאַפּלעריי פון נאָטאַריוס פון פרוי לעפּא, וועל איך אייך עס דערצעהלען אין ווייניג ווערטער. איך וועל אייך גע־

בען נאר א סך הכל פון דאס, וואס איך האב געהערט פון ראָזאליען.

„דער צימער, וועלכען פרוי דע מערע האט פארנומען אין לא גראנד ברעטעש האט זיך געפונען אויף'ן ערשטען עטאזש. א קליינער שראנק ארום פיער פוס טיף איז געווען געמאכט אין וואנט, וואס פלעגט דינען פאר די גארדעראבע. דריי חדשים פריהער פאר דעם אבענט, ווען עס זיינען געשעהן די פאקטען, וואס איך געה דערצעהלען, איז פרוי דע מערע געווארען אזוי קראנק, אז איהר מאן האט איהר געלאָזען אליין אין צימער און האט אליין געשלאפען אויפ'ן ערשטען עטאזש. דורך איינע פון די פיעל צופאלען, וועלכע עס איז ניט מעגליך פאראויסצוזעהן, איז ער אין יענעם אבענט געקומען אהיים מיט צוויי שעה שפּעטער ווי געוועהנליך פון קלוב, וואו ער פלעגט געהן לייענען צייטונגען און ריידען וועגען פאליטיק מיט די איינוואהנער פון שטאדט. זיין ווייב האט געמיינט, אז ער איז אין דער היים און שלאפט אין בעט. אבער דער באפאל אויף פראנקרייך איז היים דיסקוטירט געווארען; דער בילארד שפּיל איז געווען א היציגער; ער האט פארלארען פערציג פראנק, א געוואלטיגע סומע פאר וואנדאם, וואו יעדער באהאלט זיין געלט, און וואו געוואהנהייטען און זיטען זיינען באשריינקט אין באשיידענע לויבענסווערטע גרענעצען, דאס, קאן זיין, איז דער קוואל פון אמת'ען גליק, פון וועלכען דער פאריזער האט קיין ידיעה ניט.

„זייט א לענגערער צייט האט הער דע מערע געהאט א נעוואנהייט צו פרעגען ווען ער קומט ראזאליען, אויב זיין ווייב איז אין בעט. ווען מען פלעגט איהם זאגען, אז זי איז אין בעט, פלעגט ער גלייך אוועק צו זיך אין צימער מיט א צופרידענקייט, וואס קומט פון פארטרויען און געוואהנהייט. יענעם אבענט, קומענדיג אהיים, האט ער זיך אריינגענומען אין קאפ אריינצוגעהן

אין פרוי דע מערע'ס צימער און איהר צו דערצעהלען וועגען זיין שלעכטען מזל, פיליכט צו ווערען געטרייסט. ביים מיטאג האט ער באמערקט, אז זיין ווייב איז קאקעטיש אנגעטאן; און קומענדיג צוריק פון קלוב, איז א געדאנקען איהם געקומען, אז זי איז שוין מעהר ניט קראנק און אז דאס אויפשטעהן פון קראנקהייט האט איהר געמאכט ליעבליכער ווי ווען עס איז.— אין אמת'ען האט ער באמערקט די זאכען ווי מענער זיינען גע־וואהנט צו באמערקען, צו שפעט.

„אנשטאט צו רופען ראזאליען, וועלכע איז אין יענעם אויגענבליקליך געווען אין קיך, זיך צוקוקענדיג צו א קאמפליציר־טען שפיל אין „בריסק", וואס דער קוכער און דער קוטשער האַ־בען געשפילט, איז הער דע מערע אוועק גלייך צו דער פרוי'ס ציי־מער, ביי דער ליכט פון דער לאמטערנע וואס ער האט אוועקגע־שטעלט ביים טרעפ. זיינע טריט, וועלכע מען האט געקאנט לייכט דערקענען, האבען אפגעקלונגען אונטער דעם געוועלב פון קארידאר. פונקט ווען ער האט א דרעה געטאן דאס הענ־טעל פון זיין ווייב'ס טיהר, האט זיך איהם געדאכט, אז ער האט געהערט ווי די טיהר פון דעם שראנק וועלכען איך האב דערמאנט, האט זיך פארמאכט; אבער ווען ער איז אריין, איז פרוי דע מערע געווען אליין, שטעהענדיג פאר'ן קאמין. דער מאן האט גע־טראכט, אז ראזאליע מוז זיין אין שראנק; דאך א פארדאכט וואס האט גענומען קלינגען אין זיינע אויערן, ווי דער קלונג פון גלאקען, האט איהם געמאכט מיסטרויאיש. ער האט א קוק געטאן אויף זיין ווייב, און איהם האט זיך געדאכט, אז ער האט דערזעהן עפעס א ווילדקייט און א שרעק אין איהרע אויגען.

— „איהר זייט אזוי שפעט געקומען אהיים" — האט זי גע־

זאגט. יענע שטים, געוועהנליך אזוי ריין און אנגענעם האט איהם אויסגעוויזען ווי פארענדערט.

„הער דע מערע האט ניט געענטפערט, ווארום אין יענעם אויגענבליק איז ראזאליע אריין אין צימער. איהר באווייזען זיך איז פאר איהם געווען א דונערשלאג. ער האט גענומען ארומ־שפאצירען איבער׳ן צימער מיט די הענט פארנאנדערגעלעגט, גע־הענדיג פון איין פענסטער צום צווייטען אין גלייכע טריט.

— „האט איהר געהערט עפעס אזוינס, וואס רעגט אייך אויף?“ — האט זיין ווייב געפרעגט דערשראקען, אין דער צייט, וואס ראזאליע האט איהר אויסגעטאן.

„ער האט ניט געענטפערט.

— „איהר קאנט פארלאזען דעם צימער — האט פרוי דע מערע געזאגט צו דער דינסט — איך וועל אליין צורעכט מא־כען די האר“.

— „זי האט פאראויסגעזעהן עפעס אן אומגליק, קוקענדיג אויף איהר מאן און האט געוואלט זיין אליין מיט איהם.

„ווען ראזאליע איז אוועק, אדער געזאלט זיין אוועק גע־גאנגען, ווארום זי איז וויימער ווי דער קארידאר ניט געגאנגען. איז הער דע מערע צוגעגאנגען צו זיין ווייב און זיך אוועקגע־שטעלט לעבען איהר. דאן האט ער געזאגט קאלטבלוטיג:

— „מאדאם, דא איז וועד פאראן ביי אייך אין שראנק“.

„זי האט געקוקט אויפ׳ן מאן רוהיג און האט געענטפערט:

„ניין, מיין הער!“

„יענער „ניין“ האט זעהר געקריינקט הערן דע מערע, ווייל ער האט ניט געגלויבט אין דעם. און דאך האט זיין ווייב קיין מאל ניט אויסגעזעהן ריינער און הייליגער ווי אין יענעם אויגענבליק. ער האט זיך אויפגעהויבען און האט זיך א לאז געטאן צום שראנק צו עפענען די טיהר; מאדאם דע־מערע האט איהם גענומען

פאר׳ן האנט און איהם אפגעהאלטען; זי האט געקוקט אויף איהם מיט קומער און האט געזאגט אין א מערקווירדיג געבראכענע שטים: „אויב דו געפינסט קיינעם ניט, געדיינק אז אלע איז אוים צווישען אונז“.

די גרענצלאזע ווירדע פון זיין ווייב׳ם האלטונג האט וויעדער איהם געמאכט צו באקומען צוטרוי צו איהר; און פלוצלונג איז איהם געקומען איינער פון יענע באשלוסען וואס נויטיגען זיך אין א ברייטערען פעלד צו ווערען אומשטערבליך.

— „ניין זשאזעפין — האט ער געזאגט — איך וועל ניט א קוק טאן אהין. אין יעדען פאל וועלען מיר דארפען אויף אייביג זיך פאנאנדערגעהן. הער מיך אוים: איך וויים די ריינקייט פון דיין נשמה, איך וויים אז דו פיהרסט א הייליגען לעבען: דו וואלסט ניט באגעהן קיין טוידט זינד אפילו אום זיך צו ראטעווען פון טוידט“.

„ביי די ווערטער האט מאדאם דע מערע א קוק געטאן אויף איהר מאן מיט ווילדע אויגען.

— „דא איז דיין צלם — האט ער ווייטער גערעדט — שווער מיר פאר גאט, אז קיינער איז דא ניטא אין שראנק און איך וועל דיר גלויבען; איך וועל ניט עפענען יענע טיהר“.

„מאדאם דע מערע האט גענומען דעם צלם און געזאגט:

„איך שווער עם!“

— „העכער! — האט דער מאן געזאגט — זאג מיר נאך — איך שווער פאר גאט, אז קיינער איז ניטא אין יענעם שראנק“.

זי האט איבערגע׳חזר׳ט די ווערטער געלאסען.

— „דאס איז גוט — האט הער דע מערע געזאגט קאלט. נאך א מינוט פון שווייגען האט ער צוגעגעבען, ארומקוקענדיג דעם צלם פון העלפאנטביין באזעצט מיט זילבער — דאס איז א

פּרעכטיגע זאַך; איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז דו באַזיצט עס; עס איז זעהר קינסטלעריש געמאַכט".

— „איך האָב עס געפונען ביי דאַוויווער, ער האָט עס אָפּ־געקויפט פון אַ שפּאַנישען מאַנאַך, ווען די מלחמה־געפאַנגענע זיינען דורכגעגאַנגען דורך וואַנדאַם פאַר אַ יאָהרען".

— „אַ! — האָט הער דע מערע געזאָגט, אויפהייענגענדיג צוריק דעם צלם אויפ'ן וואַנט. ער האָט אַ קלונג געטאָן דעם גלאָק. עס האָט לאַנג ניט גענומען ביז ראַזאַליע האָט געענטפערט. הער דע מערע איז שנעל צוגעגאַנגען צו איהר, האָט איהר צוגעפיהרט צו אַ געוועלב פון פענסטער אויף דער זייט פון גאָר־טען און צו איהר געזאָגט אין אַ נידעריגען טאָן:

— „איך האָב געהערט, אַז גאַרנפלאַ וויל מיט דיר חתונה האָבען, און אַז אָרימקייט אַליין שטערט עס, וואָרום דו האָסט איהם געזאָגט, אַז דו וועסט ניט ווערן זיין ווייב, ביז ער וועט ניט ווערן אַ מאַסטער מולער. איז עס אַזוי?

— „יאָ, מיין הער!"

— „גוט, געה און געפין איהם; זאָג איהם, ער זאָל גלייך קומען אַהער און מיטברייגגען מיט זיך די קעלנע און אַנדערע געצייג. זעה, אַז דו זאָלסט קיינעם ניט אויפוועקען ביי איהם אין הויז, ווי נאָר איהם אַליין; ער וועט באַלד האָבען גענוג געלט דיך צו באַפרידיגען. קיין וואָרט צו קיין מענשען ניט, ווען דו וועסט פאַרלאָזען דעם צימער, אַז ניט..."

„ער האָט פאַרקנייטשט דעם שטערן. ראַזאַליע האָט פאַר־לאָזען דעם צימער. ער האָט איהר גערופען צוריק — דאָ, נעהם מיין שליסעל" — האָט ער געזאָגט.

„הער דע מערע, וועלכער האָט ניט אַראָפּגעלאָזען די אויגען פון זיין ווייב, בעת ער האָט געגעבען די באַפעהלען, האָט זיך איצט אַוועקגעזעצט לעבען איהר ביים פייער, און גענומען איהר

דערצעהלען וועגען זיין בילארד־שפיעל און וועגען די דיסקוסיא־נען אין קלוב. ווען ראזאליע איז צוריקגעקומען, האט זי געפור־נען, אז הער און פרוי דע מערע ריידען פריינדליך.

„מען האט ניט לאנג צוריק צורעכט געמאכט די סופיטען אין אונטערשטען עס־צימער. פלאסטער איז זעהר זעלטען און וואנדאם און דאס ברייגנען מאכט עס זעהר טייער. הער דע מערע האט דערפאר געארדערט א גרויסע מאסע דערפון פאר זיין איי־גענעם געברויך, ווייסענדיג, אז ער וועט אלע מאל קאנען פאר־קויפען, וואס עס וועט בלייבען. אט דער אומשטאנד האט איהם געבראכט צו דעם געדאנק, וואס האט איהם איצט באהערשט.

— „הער גארענפלא איז געקומען“ — האט ראזאליא גע־זאגט.

„פיהר איהם אריין“ — האט דער בעל הבית געזאגט.

„מאדאם דע מערע איז אביסעל בלאס געווארען, ווען זי האט דערזעהען דעם מולער.

— „גארענפלא — האט דער בעל־הבית געזאגט — ברייגג אביסעל ציגעל פון שטאל — געגוג צו פארמויערן יענע טיהר: באנוץ דעם פלאסטער, וואס איז געבליבען צו פארדעקען די וואנט“.

„דאן האט ער צוגערופען ראזאליען און דעם מולער אין עס־צימער און ריידענדיג אין א נידעריגער שטים, האט ער גע־זאגט: „הער זיך איין, גארנפלא: נאכדעם ווי דו וועסט האָ־בען געענדיגט די ארבייט, וועסטו שלאפען דא אין הויז: און מארגען אין דער פריה וועל איך דיר געבען אן אויסלענדישען פאס און זעקס טויזענד פראנק אויף דער רייזע. געה איבער פאריז, וואו איך וועל דיר טרעפען. דארט וועל איך דיך פארזי־כערען מיט נאך זעקס טויזענד פראנק, וואס זאלען דיר אויסגע־צאלט ווערען, נאכדעם ווי דו וועסט צעהן יאהר טריי פארבליי־

בען אויסער פראַנקרייך. פאַר די סומע פאַדער איך אַז אפּסאָ־לוט שווייגען מכח אַלץ, וואָס דו זעהסט און טוסט די נאַכט. וואָס איז שייך דיך, ראַזאַליע, גיב איך דיר אַ נדן פון צעהן טויזענד פראַנק, אויף דעם באַדינג, אַז דו זאָלסט חתונה האָבען מיט גאַרנפלאַ און האַלטען דאָס מויל, און אַז ניט"...

— „ראַזאַליע — האָט געזאָגט פרוי דע מערע — קום און קאַם מיר די האָר".

„דער מאַן האָט אַרום שפּאַצירט איבער'ן צימער, קוקענדיג אויף די טיהר, אויף דעם מולער און אויף זיין ווייב, אָבער ניט ערלויבענדיג אַז דער קלענסטער פאַרדאַכט אָדער אומצופרידענ־הייט זאָלען זיך אַרויסווייזען אין זיין האַלטונג. גאַרנפלאַ'ס אַרבייט האָט געמאַכט אַביסעל גערויש; אונטער דעם צודעק האָט מאַדאַם דע מערע שנעל געזאָגט צו ראַזאַליען, ווען איהר מאַן איז געווען אין וויטען עק פון צימער. „אַ טויזענד פראַנק הכנסה אַ יאָהר, אויב דו וועסט זאָגען גאַרנפלאַ צו לאָזען אַ שפּאַלט אונטען". דאַן האָט זי הויך צוגעלעגט. „גיה, העלף דעם מולער".

„הער און פרוי דע מערע זיינען געבליבען שטיל די גאַנצע צייט, וואָס האָט גענומען גאַרנפלאַ צו פאַרמויערן די טיהר. דאָס שווייגען איז געווען אומישנע מצד פון דעם מאַן, כדי אוועק צו נעמען ביי דער ווייב יעדע געלעגענהייט צו זאָגען ווערטער מיט אַ דאָפּעלטער באַדייטונג, וועלכע מען האָט געקאָנט הערען אין שראַנק; מצד פון מאַדאַם דע מערע איז עס געווען ענטוועדער פאָרזיכטיגקייט אָדער שטאָלצקייט.

„ווען די וואַנט איז געווען מעהר ווי אַ העלפט פאַרטיג, האָט דעם מולערס געצייג צובראָכען איינע פון די שויבען אין דער טיהר פון שראַנק. הער דע מערע איז דאַמאָלט געשטאַנען אומ־געקעהרט מיט'ן רוקען. די האַנדלונג האָט געוויזען מאַדאַם דע

מערע, אז ראזאליע האט גערעדט מימ'ן מולער. ביי דער גע־לעגענהייט האט ער דערזעהן דארט דעם פנים פון א מאן מיט שווארצע האר און ברענענדיגע אויגען. איידער איהר מאן האט זיך אומגעדרעהט האט די ארימע באשעפעניש געהאט צייט צו מאכען מיט איהר קאפ א צייכען, וואס האט באדייט „האפע־נונג".

„ארום פיער אזייגער, פונקט ביים שפראץ טאג — עס איז געווען אין סעפטעמבער — איז די ארבייט געווען פארטיג. הער דע מערע איז יענע נאכט געבליבען אין דער ווייב'ס צי־מער. אין דער פריה, זיך אויפכאפענדיג, האט ער געזאגט, ווי פארבייגעהענדיג: „א! איך האב פארגעסען, איך מוז געהן אין דער קאנצעראריע פון מעיר וועגען א פאס.

ער האט אנגעטאן זיין הוט, האט געמאכט דריי טריט צו דער טיהר, דאן האט ער זיך אפגעשטעלט, זיך אומגעקעהרט און אראפגענומען דעם צלם.

„זיין ווייב האט א ציטער געטאן פון פרייד. „ער וועט געהן צו דאוויווער" האט זיי געטראכט.

„דעם אויגענבליק, ווען איהר מאן האט פארלאזען הויז, האט זי געקלונגען נאך ראזאליען. „די קירקע"! — האט זי געשריען — „די קירקע! איך האב זיך צוגעקוקט ווי גארנפלא האט עס געטאן. מיר וועלען האבען צייט צו מאכען א לאך און עס ווידער צו פארמאכען".

„אין איין אויגענבליק האט ראזאליע געבראכט א זארט האק, און איהר בעל הבית'טע האט אנגעהויבען צו צעשמעטערן די וואנט מיט א ברען וועלכען מען קאן מיט ווערטער ניט באַ־שרייבען. זי האט שוין געהאט אוועקגעקלאפט עטליכע ציגעל און האט זיך געקליבען צו געבען נאך א קרעפטיגערן קלאפ מיט

אלע איהרע כחות. ווען זי האט דערזעהן איהר מאן הינטער זיך, זי האט גע׳חלש׳ט.

— „לעג אריין די מאדאם אין איהר בעט“ — האט איהר מאן געזאגט קאלטבלוטיג.

„פאראויסזעהענדיג וואס עס וועט געשעהן, האט ער גע־לענט א פאסטקע פאר די ווייב; ער האט געשריבען צום מעיר און געלאזט דאוויווער קומען צו זיך. דער יובעליר איז אריין גלייך נאכ דעם ווי דער צימער איז ווידער געבראכט געווארען אין ארדנונג.

— „דאוויווער — האט געזאגט הער דע מערע — איך דענק אז דו האסט געקויפט עפעס צלמים פון די שפאניער, וואס זיי־נען דא געווען פאר א יאהרען?“

— „ניין, מיין הער, איך האב ניט געקויפט“.

— „זעהר גוט, איך דאנק דיר — האט ער געזאגט ווארד־פענדיג א טינערישען בליק אויף זיין ווייב. זשאן — האט ער צוגעלענט, זיך ווענדענדיג צום לאקיי — דו וועסט מיר ברייגגען עסען אין דער מאדאמס שלאפצימער: זי איז זעהר קראנק און איך וויל איהר ניט פארלאזען ביז זי וועט געזונט ווערען.“

„צוואנציג טעג נאכאנאנד איז דער מאן געבליבען לעבען זיין ווייב. אין די ערשטע שטונדען, ווען גערוישען האבען זיך געהערט הינטער דער פארמויערטער טיהר און זשאזעפין האט געפרובירט בעטען רחמים פאר דעם שטארבענדען פרעמדען, פלעגט ער ענטפערן, ניט ערלויבענדיג איהר ארויסצורייידען א ווארט:

— „דו האסט געשווארען ביים צלם, אז קיינער איז דארט ניטא“.

ווען די געשיכטע האט זיך געענדיגט און די פרויען האבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, איז דער כשוף אין וועלכען בלאנשאן האט זיי געהאלטען געווען געבראכען. דאך האבען אייניגע פון זיי געפיהלט ווי א שקרוד געהט זיי אריבער איבער'ן לייב ווען זיי האבען זיך דערמאנט אן די לעצטע ווערטער.

קאָרסיקאַנער

אין יאהר 1800, אין איינעם פון די לעצטע אקטאבער־טעג האט א פרעמדער זיך באוויזען ביי דעם ארייננאנג פון טוליערען־פאלאץ, פיהרענדיג מיט זיך א פרוי און א קליינע מיידעל. ער איז א שטיקעל צייט געשטאנען הארט לעבען די חורבות פון הויז, וואס איז דאמאלט ארונטערגעריסען געווא־רען. ער איז געשטאנען מיט צוזאמענגעלייגטע ארימס און מיט אן אראפגעלאזענעם קאפ; נאר פון צייט צו צייט פלעגט ער אויפהויבען דעם קאפ צו ווארפען א בליק אויף דעם פאלאץ פון קאנסול, אדער אויף זיין קינד, וואס האט זיך צוגעשפארט לע־בען איהם אויף א שטיין.

כאטש דער פרעמדער האט אויסגעוויזען צו טראכטען נאר פון זיין קליינער ניין־צעהן יאהריגער מיידעל, מיט וועמעס שווארצע האר ער האט זיך געשפילט, דאך האט די פרוי ניט דורכגעלאזען קיין איינציגען פון זיינע בליקען, וואס ער האט געשאסען אין איהר. א געמיינזאמער געפיהל, א גאנץ אנדערער ווי ליבע, האט פאראייניגט די ביידע פערזאנען, און א געמיינ־זאמער געדאנק האט באהערשט זייערע מוחות און זייערע האנד־לונגען. נויט איז פיליכט דער שטארקסטער פון אלע בענד.

דער מאן האט געהאט איינעם פון די ברייטע, ערנסט־אויסזעהענדע קעפ מיט א סך האר. צווישען די דיקע, שווארצע לאקאנס איז געווען א סך ווייסע האר. זיינע געזיבעטסציגען, כאטש איידעל און שטאלץ, האבען געהאט א געוויסע הארט־קייט, וואס האט זיי שטארק געשטערט. ניט קוקענדיג אויף זיין קרעפטיגע און גלייכע פיגור, האט ער אויסגעוויזען צו זיין על־

טער פון 60 יאהר. זיינע קליידער, וואס זיינען געווען אביסעל אפגעלאזען, האבען באוויזען, אז ער שטאמט פון דער פרעמד.

דאס געזיכט פון דער פרוי, אמאל שעהן, אבער איצט אפגעבלאקירט, האט געטראגען א שטעמפעל פון טיפער מעלאנכאליע; כאטש, זוען איהר מאן פלעגט א קוק טאן אויף איהר, פלעגט זי זיך אנשטריינגען צו שמייכלען און ארויפצוציהען א רוהיגען אויסדרוק. די קליינע מיידעל איז געשטאנען ניט קורקענדיג אויף די פארמאטערטקייט, וואס איז געווען אנגעשריבען אויף איהר, פון זון פארברענטען פנים. זי האט געהאט איטאליענישע געזיכטציגען, גרויסע, שווארצע אויגען אונטער גוטגעוועלבטע ברעמען, א געבּארענע ווירדע און אמת'ע חן. מעהר ווי איין פארבייגעהער איז געווען געריהרט פון דעם איינפאכען קוק אויף די גרופע, ווארום די פערזאנען פון דער גרופע האבען ניט געמאכט קיין אנשטריינגונג צו באהאלטען די פארצווייפלונג, וואס איז געווען אזוי טיף, ווי איינפאך עס איז געווען איהר אויסדרוק. אבער דער קוואל פון פריינדליכקייט צו אנדערע, וואס צייכענט אזוי אויס דעם המון ווערט גיך אויסגעטריקענט. אזוי גיך ווי דער פרעמדער האט באמערקט, אז ער איז דער ציעל פון דער אויפמערקזאמקייט פון עפעס א ליידיגגעהער, האט ער גענומען ווארפען אזוינע בייזע בליקען, אז דער בוילסטער פוסט און פאסניק האט געמוזט זיך האסטיגער ריהרען, ווי ער וואלט ארויפגעטראטען אויף א שלאנג.

נאך דעם ווי ער איז א לענגערע צייט געבליבען אהן א באשלוס, האט דער הויכער מאן מיט אמאל א רייב געטאן מיט'ן האנט איבער'ן שטערן, אזוי ווי ער וואלט אוועקגעטריבען דערמיט די געדאנקען, וואס האבען עס דורכגעשניטען מיט קנייטשען, און האט אנגענומען עפעס א פארצווייפעלטען באשלוס. ווארפענדיג א דורכשניידענדיגען בליק אויף זיין ווייב און טאכ־

טער, האט ער ארויסגעצויגעז פון זיין קאמעזעלקע א לאנגען קינזשאל און האט געזאגט אין איטאליעניש: „איך געה זעהן צו די באנאפארטס גערדיינקען נאך אונז".

ער האט זיך אוועקגעלאזען געהן מיט לאנגזאמע, זיכערע טריט צום אריינגאנג פון פאלאץ, וואו ער איז, זעלבסט פארשטענדליך, פארהאלטען געווארען פון א סאלדאט, וואס איז געשטאנען אויפ'ן וואך און מיט וועלכען מען האט זיך ניט געקאנט אריינלאזען אין לאנגע וכוחים. זעהענדיג אז דער פרעמדער איז פאר'עקשנ'ט, האט דער וואך־סאלדאט איהם אנגעוויזען מיט'ן באיאנעט אלס אולטימאטום. דער צופאל האט געוואלט, אז אין דעם אויגענבליק זאל א וזוואך סאלדאטען קומען איבערצובייטען די וואך, און דער קאפראל האט גאנץ העפליך ערקלערט דעם פרעמדען, וואו ער קאן געפינען דעם קאפיטאן פון דער וואך.

„זאל באנאפארט וויסען, אז בארטאלעמעא דע־פיאמבא וויל איהם זעהן".

אומזיסט האט דער קאפראל געזוכט צו ערקלערען בארטאלאמעא'ן, אז עס איז ניט מעגליך צו זעהן דעם ערשטען קאנסול, איידער מען האט איהם געשריבען, בעטענדיג אן אודיענץ. דער פרעמדער האט דורכאויס געפאדערט, אז דער אפיציר זאל געהן און לאזען וויסען באנאפארט'ן. דער קאפיטאן האט אנגעוויזען אויף די כללים און זיך ענטשידען ענטזאגט נאכצוגעבען די בקשה פון דעם זאנדערבארען באזוכער. בארטאלאמעא האט פארקנייטשט דעם שטערן און גענומען קוקען אויפ'ן קאפיטאן מיט אזויגע בייזע בליקען, ווי ער וואלט איהם מאכען פאראנטווארטליך פאר אלע אומגליקען, וועלכע זיין ענטזאגען קאן ברייגנען: דאן איז ער פארבליבען שטיל, זיינע ארימס צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט און זיך אוועקגעשטעלט אונטער דעם געוועלבדורכגאנג, וואס האט פארבונדען דעם גארטען און

דעם הויף פון די טוליערס.

מענשען, וואס לייגען זיך אפ אינגאנצען אויף עפעס, ווערען גאנץ אפט גוט באדינט פון צופאל. אין דעם אויגענבליק, ווען בארטאלאמעא האט זיך אויפגעזעצט אויף איינע פון די קופעס שטיינער ביים אריינגאנג צום פאלאץ, איז א קארעטע צוגעפאה־רען, און פון איהר איז ארויסגעטראטען לוסיען באנאפארט, צו־יענער צייט מיניסטער פון אינערליכע אנגעלעגענהייטען.

— „א, לוסיען! מיין גוטער מזל האט מיך געמאכט דיך צו באגעגענען!“ — האט דער פרעמדער אויסגעשריען.

די ווערטער, ארויסגערעדט אין קארסיקאנישען לשון, האָ־בען געמאכט אז לוסיען, וואס איז האסטיג געלאפען צום פאר־הויז, זאל זיך גלייך אפשטעלען; ער האט א בליק געטאן אויף זיין לאנדסמאן און איהם דערקענט. נאכ'ן ערשטען ווארט, וואס בארטאלאמעא האט איהם אריינגעשושקעט אין אויער, האט ער איהם מיטגענומען מיט זיך. מורא, לאנס און ראפ זיינען געווען אין קאבינעט פון ערשטען קאנסול. דערזעהענדיג לוסיען אריינ־קומענדיג מיט אזא משונה'דיגען פארשוין ווי פיאמבא, האבען זיי דעם געשפרעך אפגעהאקט. לוסיען האט גענומען דעם ברו־דער פאר'ן האנט און איהם צוגעפיהרט צום פענסטער־געוועלב. נאכדעם ווי זיי האבען זיך דורכגעווארפען מיט א פאר ווער־טער, האט דער ערשטער קאנסול אויפגעהויבען די האנט מיט אזא באוועגונג, וואס האט געמאכט אז מורא און לאנס זאלען זיך שטילערהייט צוריקציהען. ראפ האט זיך געמאכט, ווי ער וואלט עס ניט געזעהן און איז פארבליבען. באנאפארט האט איהם שארף גערופען צו אָרדנונג און דער אדיוטאנט האט זיך אויך צוריק געצויגען מיט א זויערן פנים. דער ערשטער קאנסול, וואס האט געהערט דעם קלאנג פון ראפ'ס טריט אין צווייטען צימער, איז שנעל נאכגעגאנגען נאך איהם און האט איהם געפור־

נען שטעהענדיג האַלט ביים וואַנט צווישען קאַבינעט און דעם פּאַרצימער.

— „איהר ענטזאגט זיך מיך צו פאַרשטעהן?“ — האָט דער ערשטער קאָנסול געזאָגט — „איך וויל פארבלייבען אליין מיט מיין לאנדסמאַן“.

„אַ קארסיקאַנער“! — האָט דער אַדיוטאַנט געענטפערט — איך טרוי די ברואים צו ווייניג, אַז איך זאָל“...

דער ערשטער קאָנסול האָט זיך געמוזט פאַרגאַנדערלאַכען און האָט לייכט אַ שטופּ געטאָן דעם טרייען אָפיציר ביי דער פּלייצע.

— „נו, וואָס טוסטו דאָ, מיין אָרימער באַרטאַלאַמעאַ?“ — האָט דער ערשטער קאָנסול אַ זאָג געטאָן צו פּיאַמבאַ.

„איך בין געקומען בעטען אָפּדאַך און שוץ, אויב דו ביזט אַן אמת׳ער קאַרסיקאַנער“ — האָט באַרטאַלאַמאַע געענטפערט אין אַ רויהער שטים.

— „וואָס פאַר אַן אומגליק האָט אייך אַרויסגעטריבען פון אייער געבורטסלאַנד? איהר, וואָס זיים געווען די רייכסטע, די...“

„איך האָב אויסגע׳הרג׳עט אַלע פאַרטאַס“ — האָט דער קאַריסקאַנער געענטפערט אין אַ ברוסט־שטים, פאַרקנייטשענדיג דעם שטערן.

דער ערשטער קאָנסול האָט זיך צוריקגעצויגען אַ טריט־צוויי ווי אַ מאַן וואָס איז שטאַרק פאַרוואונדערט.

„געהסט מיך פאַראַטען?“ — האָט באַרטאַלאַמעאַ אויסגע־שריען מיט אַ פינסטערן בליק אויף באָנאַפּאַרטען — „צו ווילסטו פאַרגעסען, אַז עס זיינען נאָך פאַראַן פיער פּיאַמבאַ׳ס און קאַר־סיקאַ?“

לוסיען האָט גענומען זיין לאנדסמאַן ביים אָרים און איהם

א טרייסעל געטאן.

— „ווילסטו סטראשענען דעם, ווער עס האט פראנקרייך געראטעוועט?“ — האט ער פייערדיג אויסגעשריען.

באנאפארט האט געמאכט לוסיענ׳ען א צייכען אנטשווייגען צו ווערען. דאן האט ער א קוק געטאן אויף פיאמבא און איהם געפרעגט: — „פאר וואס האסטו אויסגע׳הרג׳עט אלע פאר־טאם?“

„מיר זיינען געווארען פריינד“ — האט ער געענטפערט — „די בארבאנטי האבען אונז צוזאמענגעבראכט. אויף מארגען נאכדעם ווי מיר האבען געטרונקען צוזאמען, כדי צו דערטרינקען אונזער קריג, בין איך אפגעפארען, ווייל איך האב געהאט גע־שעפטען אין קאסטיא. זיי זיינען פארבליבען אין מיין פלאץ און האבען אונטערגעצונדען מיין וויינגארטען. זיי האבען דער־הרג׳עט מיין זוהן גרעגאריא. מיין טאכטער זשענערווא און מיין ווייב האבען זיך געראטעוועט; זיי זיינען יענעם פריהמארגען געגאנגען צום גלח זיך מתודה זיין, און די הייליגע מוטער האט זיי באשיצט. ווען איך בין צוריקגעקומען אהיים, האב איך לענגער ניט געקאנט געפינען מיין הויז. איך האב דאס הויז געזוכט מיט די פיס אין די אש. פלוצלונג האב איך זיך אנגעשטויסען אויף גרעגאריא׳ס קערפער; איך האב עס דערקענט ביים לבנה־שיין. „אה, די פארטאס האבען דעם שפיצעל אפגעשפילט!“ האב איך צו זיך אליין געזאגט. איך בין אוועק אין וועלדעל, האב דארט צוזאמען געקליבען עטליכע מענשען, וועמען איך האב טובות געטאן — דו הערסט באנאפארט? — און מיר האבען זיך אוועק־געלאזען צו פארטאס וויינגארטען. מיר זיינען אנגעקומען אהין פינף אזייגער אין דער פריה, און ארום זיבען א זייגער זיינען זיי אלע געווען ביי גאט. זשיאקאמא ערקלערט, אז עליזא וואני האט געראטעוועט א קינד, דעם קליינעם ארזשי; איך אבער

האב איהם צוגעבונדען מיט מיינע אייגענע הענט צום בעט. איידער איך האב אונטערגעצונדען דאס הויז. דאן האב איך פארלאזען דעם אינזעל, מיין ווייב און קינד מיט מיר, ניט קענענדיג פעסשטעלען צי לואידזשי פארטא לעבט נאך".

באנאפארט האט געקוקט אויף בארטאלאמעא'ן מיט נייגעריגקייט, אבער ניט מיט פארוואונדערונג.

„וויפיעל נפשות זיינען זיי געווען?" האט לוסיען א פרעג געטאן.

„א זיבען" — האט פיאמבא געענטפערט — „זיי האבען אייך פארפאלגט אין יענע טעג" — האט ער ווייטער געזאגט. די ווערטער האבען ניט ארויסגערופען ביי ביידע ברידער קיין סימן פון שנאה. „א! איהר זייט מעהר קיין קארסיקאנער ניט!" — האט בארטאלמעא א געשריי געטאן מיט א זארט פון פארצווייפלונג — „זייט געזונט. אמאל האב איך אייך באשיצט" — האט ער ווייטער גערעדט מיט פארוואירפע — „ווען ניט איך, וואלט דיין מוטער קיין מאל ניט דערפאהרען קיין מארסייל" — האט ער געזאגט, זיך אומקערענדיג צו באנאפארט'ן, וועלכער איז געשטאנען פארטראכט, דעם אייעלענבויגען האלטענדיג אויפ'ן קארניז.

— „איך קען מיט מיין געוויסען דיך ניט נעמען אונטער מיין פליגעל, פיאמבא" — האט נאפאלעאן געענטפערט — „איך בין דער קאפ פון א גרויסער נאציאן; איך רעגיר איבער א רעפובליק; איך מוז זעהן, אז די געזעצען זאלען דורכגעפירט ווערען".

„א, א"! — האט בארטאלאמעא געזאגט.

„איך קאן אבער ניט פארמאכען די אויגען און ניט זעהן. אז די טראדיציע פון בלוטראכע („ווענדעטא") וועט א לאנגע צייט נאך שטערן די הערשאפט פון געזעץ אין קארסיקא" —

האט ער צוגעגעבן, ריידענדיג צו זיך אליין, — „אבער עס מוז אויסגעראטען ווערען, עס מעג קאסטען וואס עס וויל“.

ער האט א מינוט געשוויגען און לוסיען האט געגעבען א צייכען צו פּיאמבא'ן, ער זאל גאר נישט זאגען. דער קארסיקא־נער האט געשאקעלט מיט'ן קאפּ פון איין זייט אויף די אנדע־רע, מיט א בליק פון פארוואורפען.

— „בלייב דא“ — האט דער ערשטער קאנסול געזאגט, זיך ווענדענדיג צו בארטאלאמעא — „מיר ווייסען גאר נישט. איך וועל זעהן, אז דיין פארמעגען זאל פארקויפט ווערען אזוי, אז דו זאלסט האבען פון וואס צו מאכען א לעבען. דאן, שפּעטער אמאל, וועלען מיר אן אייך זיך דערמאנען. אבער מעהר קיין בלוט נקמה זאל נישט זיין. דא איז נישטא קיין פירשט וועלדעל. אויב דו וועסט מאכען קונצען מיט דיין קינזשאל, איז פאר דיר דא נישטא קיין האפענונג. דא באשיצט דאס געזעץ יעדען איי־נעם און מיר טוען נישט קיין גערעכטיגקייט אויפ'ן אייגענעם חשבון“.

„ער האט זיך געשטעלט בראש פון א משונה'דיגען פאלק“ — האט בארטאלאמעא געענטפערט צו לוסיען, אנכאפּענדיג און דריקענדיג זיין האנט, — „אבער איהר דערקענט מיך אין מיין אומגליק, דאס איז א בונד פאר לעבען און טוידט, און איהר קאנט באפעלען איבער יעדען פּיאמבא“. — ריידענדיג אזוי, האט ער דעם שטערן אויסגעגלייכט און האט געקוקט ארום זיך מיט צופרידענהייט.

„איהר לעבט זיך דא נישט שלעכט“ — האט ער געזאגט מיט א שמייכעל, אזוי ווי איהם וואלט זיך געוואלט דא בלייבען וואהנען — „און איהר זייט אנגעטאן אין גאנצען אין רויט, ווי א קארדינאל“.

— „עס הייגנט אפּ פון אייך אליין דערהויבען צו ווערען

און צו האבען א פאלאץ אין פאריז" — האט באנאפארט גע־זאגט, איהם באקוקענדיג פון קאפ ביז די פיס, — „עס וועט אפט געשעהן, אז איך וועל זוכען אן איבערגעבענעם פריינד, אויף וועמען איך זאל זיך קאנען אנטרויען".

א זיפץ פון פרייד האט זיך ארויסגעריסען פון פיאמבאס טיפער ברוסט: ער האט אויסגעצויגען זיין האנט צום ערשטען קאנסול, זאגענדיג: „איהר האט אין זיך נאך אלץ עפעס פון א קארסיקאנער!"

באנאפארט האט א שמייכעל געטאן. ער האט שווייגענדיג זיך צוגעקוקט צו דעם מאן, וואס האט צו איהם געבראכט די לופט פון זיין געבורט־לאנד, פון יענע אינזלען, פון וואנענט ער האט זיך אויף אזא וואונדערבארען אופן געראטעוועט פון די הענט פון דער פארהאסטער „ענגלישער פארטיי", און וועלכע עס איז איהם מעהר ניט געוועז באשערט צו זעהן. ער האט גע־געבען א צייכען צו זיין ברודער, וועלכער האט אוועקגעפיהרט פיאמבא.

לוסיען האט מיט אינטערעס זיך נאכגעפרעגט וועגען דעם פינאנץ־צושטאנד פון דעם מאן, וואס האט אמאל באשיצט זיין פאמיליע. פיאמבא האט צוגעפירט דעם מיניסטער פון אינערן צום פענסטער און איהם אנגעוויזען אויף זיין פרוי און זשע־נעווורא, וועלכע זיינען געזעסן ביידע אויף א קופע שטיינער.

„מיר זיינען געקומען פון פאנטענבלא אז צו פוס" — האט ער געזאגט — „און מיר האבען ניט א סו".

לוסיען האט דערלאנגט זיין לאנדסמאן זיין געלדבייטעל און איהם געהייסען קומען מארגען ווידער, זיך מישב צו זיין וועגען מיטלען ווי צו פארזארגען זיין פאמיליע. די הכנסה פון אלע פיאמבא'ס באזיצונגען אין קארסיקא וועט קוים זיין גענוג, ער זאל קאנען אין פאריז לעבען בכבוד.